א. אז מען קלייבט זיך צוזאמען בקשר מיט די הסתלקות (אע"פ וואס ס'איז ניט אין דעם עצם טאג פון די הסתלקות), איז לכאורה דארף דאך זיין די תנועה אין א אנדער כיוון און א אנדער תוכן פון דער תנועה. האבען מיר אבער דאס וואס חז"ל זאגען אז "יעקב אבינו לא מת" (תענית ה, ב), און מען פרעגט א קשיא: "וכי בכדי" איז געווען די אלע ענינים וואס תורה איז אויף זיי מעיד אז זיי האבען פאסירט - "ספדו ספדנייא וחנטו חנטייא"? פארענטפערט אויף דערויף די גמרא אז וויבאלד אז "זרעו בחיים אף הוא בחיים", וואס לכאורה איז דאך געבליבן די קשיא: וכי בכדי ספדו ספדני וחנטו חנטי'? איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז אויב עס איז נאר "זרעו בחיים", איך אזא אופן וואס זיי ווערן אנגערופן בשם "זרעו", איז דעמולט "אף הוא בחיים". כאטש אפילו מיט א צייט פריער איז געווען די אלע מאורעות פון ספדו ספדנייא וחנטו חנטייא.

לכאורה - ווי אזוי קאן זיין א דבר והיפוכו? און מען קאן דאך ניט זאגן אז יענע זאכן האבען ניט געטראפן, ווארום די גמרא פרעגט דאך פון א מקרא מלא?

נאר דאס איז א כח פון א איד, אז ער איז א בעה"ב ניט נאר אויף'ן עתיד און אויף'ן הוה, נאר אפילו אויף'ן עבר. ובדוגמת די אלע ענינים וואס וועלן זיין לע"ל, וועלן זיי דאך קומען אלס א שכר פון די עבודה וואס איז געווען פאר לע"ל, ווארום דעמולט איז דאך ווי די גמרא זאגט (שבת קנא, ב) "ובהגיעו שנים אשר תאמר אין לי בהם חפץ" (קהלת יב, א), דעמולט איז ניטא דער יצה"ר, ובמילא איז אויך ניטא דער שכר וואס מען באקומט פאר דער עבודה וועלן עס איז דא "נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב" מיט'ן היפך, און מען קלייבט זיך אליין אויס. מוז מען דאך זאגן אז דאס וואס מען וועט דעמולט האבן קומט דאס ע"י העבודה וואס איז געווען אין יענע צייטן ווען דער יצה"ר איז געווען בתקפו. וואס "שכר מצוה מצוה" (אבות פ"ד מ"ב), ד.ה. אז דער שכר וואס דער אויבערשטער גיט פאר עבודה איז ניט גלאט א ענין וואס איז בדרך סגולה און עס האט ניט קיין שייכות צו דער עבודה, נאר דער שכר איז בדוגמת העבודה. וואס דערפאר איז דאך דער שכר פאר מצות צדקה "עשר בשביל שתתעשר" (תענית ט, א), אז וויבאלד אז ער גיט מהונו ומרכושו איז דער שכר מעין זה, אז מען גיט עס כמה פעמים ככה, במדתו של הקב"ה, ביז וואנעט אז "אתה מחוייב לעשרו" (עיי' כתובות סז, ב), וואס דאס איז דער כללות דבר המשנה "שכר מצוה מצוה", אז פון דעם שכר מצוה ווייס מען וואס די מצוה איז, און פון דעם תוכן המצוה קען מען האבען א פארשטאנד אין וואס עס באשטייט דער שכר פון דער מצוה.

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז די אלע ענינים פון לע"ל וואס מען וועט זיי האבען בתור שכר, איז דאס דערפאר וואס זיי זיינען א דוגמא פון דער עבודה וואס מען האט געטאן בזמן הגלות, קודם הימים "אשר תאמר אין לי בהם חפץ".

וואס דער שלימות השכר לע"ל איז דאך ווי דער אלטער רבי - וואס היינטיגן יאהר איז מאה וחמישים שנה ליום ההילולא והסתלקות שלו - זאגט אז דער עיקר שכר וועט זיין בימות המשיח ובאלף השביעי, וואס דעמולט איז דאך די צייט פון תחה"מ. וואס דאס איז דאך א עיקר אין כל השכר כולו, וואס דערפאר זאגט דאך די משנה און גמרא אין סנהדרין (ר"פ חלק) אז דער כללות הענין צי מ'וועט אויפשטיין לעולם הבא מקבל זיין דעם שכר, היינגט דאס אפ אין תחה"מ.

וואס וויבאלד אז דאס איז א שכר כללי, איז דערפון פארשטאנדיק אז אין כל עניני העבודה אין די ימים לפני זה איז דא א תנועה ונקודה כללית וואס דאס איז בדוגמת ענין תחה"מ. וואס בשעת א איד האט צוטאן מיט וועלט, וואס אין וועלט איז דאך דא זאכען וואס זיינען פארבונדן

מיט גשמיות און נאך נידעריקער מיט חומריות, איז בשעת מען טראכט זיך אריין בשכל ווייס מען און מ׳פארשטייט (ביז וואנעט אז מען קאן דאס אויך פילען) אז דאס איז א ענין וואס האט ניט קיין קיום נצחי. אפילו דער וואס (מאיזה סיבה שתהי׳) ווילט זיך אים זייער שטארק א דבר גשמי ועאכו"כ א דבר חומרי, איז בשעת ער באטראכט זיך (אפילו בשעת התאוה) ווייס ער אז דאס איז ניט קיין שכר נצחי, נאר דאס איז חולף ועובר, און אז עס וועט קומען א צייט וועט ער אליין וועט אויך ניט האבען אין דערוף קיין געשמאק. נאר וואס דען - עס קאן זיין אז עס וועט נעמען א שעה, א חודש, א יאהר, צעהן יאהר, אדער נאך מערער. אבער דאס איז בא אים בפשיטות אז יעדער ענין גשמי איז ניט קיין ענין נצחי.

וואס בשעת ער טראכט זיך אין דערוף אריין, אז דאס איז א זאך וואס איז באגרעניצט אין צייט, איז אפילו בשעת עס איז דא במציאות איז דאס ניט דער אמת׳ר ענין פון לעבעדיקייט, ווארום דער לעבן זיינער איז דאך באגדעניצט צו א משך זמן מצומצם ומוגבל.

יעדער ענין שפיגלט זיך אפ אין א הלכה בתורה, וואס דאס איז וואס מען זאגט אז בנוגע א ענין פון מים חיים, איז אויב ס׳איז "מכזבין, אפילו אחת לשבע שנים", איז ניט דער פשט אז היינט איז דאס לעבעדיק, נאר אויב מען ווייס אז אין זעקס זיבעץ יאהר ארום וועט דאס אויפהערן לעבן איז אפילו בשעת מעשה איז דאס ניט אמיתיות ענין החיים.

וואס דאס איז בכלל דער חילוק פון טוב וקדושה און דער היפך, (אדער אפי׳ ענינים סתמיים): וועלט - ווייסן אלע אז דאס איז א מוגבל אין זמן. אפילו אזא ענין אין וועלט צו וועלכע ער איז צוגעבונדן און עס ווילט זיך דאס שטארק, ביז וואנעט אז ער קאן צוליב דערוף הארעווען און טאן און אפגעבן כל אשר לו, איז ער אליין - דער בעל תאוה - ווייס אז דאס איז א ענין וואס איז פארבונדן און מוגבל מיט זמן.

און אין דערוף באשטייט די ארבעט פון א איד, אז ער דארף אריינ- ברייננגען אין וועלט דעם ענין הנצחיות, ער דארף נעמען וועלט זאכן און פון זיי מאכן אייביקע זאכן. ווי אזוי קען ער דאס אויפטאן? איז דאס דורך דערוף וואס ער פארבינדט זיך מיט׳ן אויבערשטן, וואס ער איז דאך העכער פון זמן ומקום, און ער האט דאך ניט קיין באגרענוצונגען אויף זיך. איז בשעת ער נעמט א זאך אין וועלט און איז אין דעם ממשיך א זאך וואס איז פארבונדן מיט׳ן אויבערשטן, ווערט אין דער זאך אריינ- געגומען א ענין וואס איז פארבונדן מיט נצחיות, מיט העכער פון זמן. אין אנדערע ווערטער: דעמולט מאכט ער פון די זאך א לעבעדיקע זאך באמת, דערפאר וואס דאס וועט קיינמאל ניט פארבייגיין.

וואס בשעת ער נעמט מרכושו און ער מאכט דערפון צדקה, און ער גיט די צדקה (ניט כדי ער זאל געפעלן א צווייטן, וואס דעמולט איז דאס אויך א מצוה, נאר ניט ווי א מצוה דארף זיין) דערפאר וואס אזוי האט דער אויבערשטער געהייסען. מאכט ער דאך פון די געלט א כלי און א וועג ווי אזוי דעם אויבערשטנס ווילען זאל זיך ארויסווייזען דא אין וועלט, דורך א זאך פון וועלט. און דעמולט פארבינדט ער די זאך מיט׳ן אויבערשטן וואס ער איז א נצחי, ובמילא ווערט די זאך אויך א אייביקע זאך.

וואס וויבאלד אז די עבודה פון א איד באשטייט אין "תחה"מ" - נעמען א זאך וואס "אפילו בחייהם קרויים מתים" און מאכן דערפון

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

א זאך וואס "אפילו במיתתם קרויים חיים" (ברכות יח, ב. ועוד), איז דערפאר איז אויך דער עיקר שכר און די נקודה משותפת אין כל השכר שלע"ל דער ענין פון תחה"מ.

און דא קומט צו נאך א ענין וואס תורה טוט אויף: ניט נאר אז עס מאכט לעבעדיק מכאן ולהבא, נאר עס פועל'ט אויך אויף למפרע, אז וויבאלד אז מהיום והלאה איז דאס געווארן א דבר של קדושה, איז מלכתחלה - מיט טעג צוריק און מיט יאהרן צוריק און מתחלת הבראו, האט דאס שוין אין זיך געהאט א עלולית (ווי ספרי חקירה רופן דאס אן) און א הכנה אז מען זאל דערפון קאנען מאכן א ענין שבקדושה, וואס דאס איז א ענין נצחי.

וואס אין דערוף איז דאך דער כללות החילוק צווישן די ענינים פון ק"נ, וואס אין זיי איז דא א מעגליכקייט אז מען זאל זיי פארבינדן מיט'ן אויבערשטן ובמילא ווערן זיי א לעבעדיקע זאך לנצח, און ענינים פון גקה"ט לגמרי, און ווי דער אלטער רבי איז מחלק און מבאר אין תניא (פ"ז), וואס זיי קאן מען ניט פארבינדן דערפאר וואס זיי זיינען "אסורים וקשורים בידי החיצונים לעולם",

וואס דאס וואס עס קאן זיין "ספדו ספדני וחנטו חנטי'" איז דאס דערפאר וואס אין יענעם זמן איז געווען אזא מעמד ומצב וואס עס האט געקאנט זיין און עס האט געדארפט זיין, ביז וואנעט אז תורה האט דאס געהייסן טאן, וואס "ספדו ספדני" איז אויך א מצוה ממצות התורה, בשעת עס איז אבער געקומען די וואס האבן זיך מתייחס געווען צו יעקב, און ניט מתייחס געווען זיך מיט'ן נאמען אליין נאר זיי האבן זיך אנגערופן בשם "זרעו", אז דאס איז זיינע קינדער, איז דעמולט האבן זיי אויפגעטאן אז למפרע איז געווארן אויס מיתה אין דעם ענין של יעקב.

לכאורה - ווי איז שייך צו זאגן אז אע"פ וואס "חנטו חנטי'" זאל דערנאך ווערן אויס מיתה? איז דאס פארשטאנדיק דורך א משל גשמי וואס עס שטייט אויף רעם, אז בשעת א מענטש האט זיך זיינע זאכן - וואס דאס איז די נשמה וגוף שלו, דערנאך האט ער לבושים, וואס דאס טוט ער אן אויף דעם גוף בחיצוניות און דערנאך האט ער ענינים וואס זיינען נאך ווייטער פון עם ווי לבושים, ווארום קליידער זיינען דאך אויסגעמאסטן לויטן גוף, און דערנאך איז דא ענינים פון נכסים בכלל, וואס אין זיי איז גארניט ניכר צי דאס איז א אדם גבוה צי א אדם שפול, צי א דיקער צי א דינער .

וואס בשעת א מענטש וועט איבערבייטן איין קלייד אויף א צוויי-טן, איז אע"פ וואס דאס איז דאך זיין קלייד, און אנגעמאסטן אין די מאס פון זיינע אברים, איז פונדעסטוועגן, אז ער ווארפט ארויס די קלייד און ער נעמט זיך אן אנדער קלייד פעלט עס א ענין; דער קלייד וואס איז בא עס געווען פריער האט ער איצטער פארלארען, און כ"ז ער באקומט ניט קיין אנדער קלייד (א בעסערן, אדער ווייניגסטנס פונקט אזוי ווי דער) פילט זיך בא עם א חסרון.

אבער בשעת ער בייט איבער די כלי כסף אויף כלי זהב (ווי די גמרא (סנהדרין לט, א) ברייננט דעם משל) אז אנשטאט די קלייד וואס ער האט געהאט פריער מאכט ער זיך א בגד וואס איז ניט ערגער, נאר אדרבה: א בגד וואס איז בעסער פון דעם, איז אע"פ וואס איידער ער האט אנגעטאן דעם נייעם בגד איז ער דאך געווען א ערום (א הוילער), וואס דאס איז דאך א ענין של חסרון, ווארום עס איז דאך "מאני' מכבדוהי" (שבת קיג, א), פעלט עס דער עילוי ותיקון וואס לבושים מאכן אין א מענטשן, אבער בשעת עס איז דורך געגאנגען די רגעים וואס ער איז געווען בלי בגדים און ער האט אנגעטאן א שענערן בגד,

הנחת הת' בלתי מוגה

איז דעמולט ניט נאר וואס בא עם איז ניטא דער חסרון, נאר אדרבא: ער שטייט נאך אין א העכערע דרגא ווי ער איז געשטאנען פריער.

וואס אזוי איז דאס בכל אחד ואחד בנוגע צו זיינע לבושים. עס זיינען אבער דא אזוינע וואס בא זיי איז דער גוף ע"ד ווי בא אן אנדערן דער לבוש.

וואס בכלל פארנעמט דער גוף בא א מענטשן גאר א היפשן ארט, און ביז וואנעט אז עס טרעפט זיך אמאל אז מצד דערויף וואס ער איז ניט אלע-מאל גלייך אין זיין התקשרות מיט'ן אויבערשטן אז ער פארבייגט אמאל אויף דער טובה פון דער נשמה כדי צו טאן א טובה דעם גוף. דערפאר איז בא עם דער גוף שלא בערך צו זיין לבוש. ער וועט ניט פארבייגן אויף א טובה פון זיין נשמה כדי צו טאן א טובה זיין בגד, אבער כדי נאך צו-געבן א תאוה פון דעם גוף קאן בא עם אמאל פאסירן אז דערפאר וועט ער טאן א רעה די נשמה.

ס'איז אבער דא אזוינע אידן וואס בא זיי איז בהחלט גמור אז דער גוף איז מער ניט ווי א טפל לגבי הנשמה, און דאס איז מער ניט כדי די נשמה זאל קאנען דורכפירן איר שליחות אין וועלט, וואס דערפאר האט מען איר אריין געגעבן אין א גוף, וואס דעמולט (ווי ער זאגט אין תניא) קאן א נשמה אנטאן תפילין, געבן צדקה, און מקיים זיין כל המצות כולן, וואס די נשמה אן דעם גוף קאן דערצו ניט צוקומען, ובמילא איז זי דעמולט ניט מחויב אין דעם. זיי האבן אבער קיינמאל ניט פארביטן אז מען זאל קאנען דעם גוף שטעלן גלייך מיט דער נשמה, ועאכו"כ העכער פון דער נשמה. וואס דערפאר איז בא זיי געווען אלעמאל דער גוף א טפל ובטל צו דער נשמה.

וואס דערנאך קאן זיין אז בשעת מען טוט אויף די גאנצע שליחות מיט'ן גוף זאל זיין "ספדו ספדני והנטו הנטי'", בשעת אבער די נשמה באקומט א עילוי וואס איז נאך העכער פון דעם עילוי וואס זי האט געהאט בשעת די נשמה איז געווען פארבונדן מיט דעם גוף, און בא זיי איז דאך דער גוף (אפילו ווען די נשמה איז געווען בגוף) מערניט ווי בדוגמת טפל ולבוש, איז דאס בדוגמת ווי מען בייט איבער כלי כסף אויף כלי זהב, אדער א בגד וואס ער איז ניט אזוי חשוב אויף א בגד חשוב יותר.

און דאס איז וואס מען זאגט אז דער תכלית פון יעקב'ן איז ניט געווען די אכו"ש בענינים גשמיים וואס זיינען געווען פארבונדן מיט'ן גוף, נאר ווי ער זאגט אין מדרש (ב"ר פמ"ז, ח. ועוד) אז "האבות הן הן המרכבה", דער גאנצער לעבן פון די אבות (און יעקב וואס ער איז געווען דער "בחיר שבאבות" (שער הפסוקים תולדות כז, כה. ראה ג"כ ב"ר פע"ו, א. זח"א קי"ט, ב. קמז, ב.) עאכו"כ) איז געווען כדי עס זאל זיך דורך זיי דורך פירן דעם רצון פון דעם אויבערשטן.

און כדי דורך פירן דעם אויבערשטנס שליחות אין וועלט האט ער געדארפט האבן דעם גוף, וואס דורך דעם גוף האט ער פריער געהאט צו טאן מיט לבן'ן - "ותרי"ג מצות שמרתי". און אזוי אויך דערנאך די ענינים מיט עשו וכו', ביז ער האט אויפגעשטעלט מטתו שלמה. דערנאך האט מען דעם גוף צוגענומען, און מען האט מיט עם געמאכט דעם "ספדו ספדני והנטו הנטי'", וואס דעמולט האט די נשמה ניט געהאט די מעגליכקייט אויף דורך פירן די שליחות דורך'ן גוף, דערפאר וואס דער גוף איז געווען "הנטו הנטי'",

דערנאך איז אבער צוגעקומען אין נשמה דער ענין פון "זרעו בחיים", ער האט אויפגעשטעלט "זרעו", קינדער און קינדס קינדער, וואס דורך דערויף וואס ער האט זיי אויסגעהאדעוועט און מחנך געווען, "ושמרו דרך הוי' לעשות צדקה ומשפט", האט דאס אויפגעטאן אין נשמת יעקב נאך א גרעסערן עילוי ווי די עבודה וואס יעקב האט געקאנט טאן דורך זיין גוף.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

וואס דעמולט איז אמת טאקע: מיט'ן גוף איז געווען "חנטו חנטי'", אבער יעקב'ם לעבן איז באשטאנען ניט אין די ענינים וואס זיינען פאר-בונדן מיט גוף, נאר אין די ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט נשמה, און וויבאלד אז אין נשמה איז געווארן "זרעו בחיים", וואס דאס איז דאך תכלית העילוי פון כל ענין העבודה פון יעקב'ן והאבות בכלל,

[ווי גערעדט אין די פריערדיקע פארברייינגענס ווי רש"י איז מבאר אין צוויי ווערטער דער אויפטו פון אברהם יצחק ויעקב, וואס עה"פ "וארא אל אברהם אל יצחק גו'" זאגט רש"י "אל האבות", אז ווי גרויס אברהם יצחק ויעקב זיינען ניט געווען, אברהם אין זיין עבודה פון הכנסת אורחים וגמ"ח; יצחק אין זיין עבודה פון חפירת הבארות, פחד יצחק; יעקב אין זיין עבודה אין די ענינים פון תפלת מעריב ולימוד התורה וכו', קומט דאס ניט צו דעם גרעסטען עילוי וואס איז געווען אין אברהם יצחק ויעקב - אז זיי האבן אויפגעשטעלט קינדער און קינדס קינדער אין א אופן פון "ושמרו דרך הוי' לעשות צדקה ומשפט"]

איז דאס האט גע'פועל'ט א חיות אין נשמת יעקב, וואס דאס איז דאך דער עיקר פון יעקב'ן, און ווי דער אלטער רבי זאגט אין אגה"ק פון אגרת הסתלקות סימן ז"ך, אז חיי הצדיק איז ניט חיים בשריים, נאר אמונת השם און יראת ה' און אהבת השם, און אין דערוף גופא איז דא דער חילוק צי דאס איז אין דער עבודה ווי מען איז פאר זיך, אדער אין דער עבודה וואס מען שטעלט אויף א דור ישרים יבורך "זרעו בחיים".

און דאס איז דער ענטפער פון גמרא: אמת טאקע - "חנטו חנטי' וספדו ספדנייא" מיט יעקב'ס גוף, אבער חיי יעקב איז באשטאנען אין אויפשטעלן א אידישן פאלק וואס וועט ניט נתפעל ווערן פאד העלם והסתר פון וועלט, ואדרבה: ער וועט אין וועלט מאכן לעבעדיק בחיים אמיתים, דערפאר וואס מען פארבינדט דאס מיט הוי' אלקיכם, אלקים חיים, און דעמולט איז דער "זרעו בחיים" מאכט יעקב'ן פאר א חי.

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע לגדולי ולנשיאי ישראל בכל דור ודור, וואס בא זיי איז דאך אויך די זעלבע הנהגה, אז זייער קאך אין לעבן איז ניט אין ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט'ן גוף אלץ גוף, נאר מערניט וואס דער גוף איז א ממוצע דורך וועלכן מען קאן אראפברייינגען ג-טליכקייט אין וועלט און פארבינדן און אויפ-הייבן וועלט צו ג-טליכקייט, ביז וואנעט אז <u>תורה</u> האט געזאגט אז עס דארף זיין "ספדו ספדנייא", אבער דערנאך זעט מען אז "יעקב אבינו לא מת".

מכאן עד קטע ד"ה [illegible]

ענינים שבתורה מדוייקים הם בכל פרטיהם.

לכאורה, מהו לשון "זדעו" דוקא, ולא בניו, יוצאי חלציו, תלמידיו וכיו"ב? והעניין, זרעו הוא גם מל' זריעה. ולכן נקטו לשון "זרעו" דוקא כדי לרמז שזרעו של יעקב הם באופן של זריעה.

עניין הזריעה הוא - אדם זורע קב (כן הוא בתו"ח ר"פ בשלח. ובגמרא - <u>סאה</u>. ובתו"א ר"פ בשלח - <u>כור</u>) כדי להכניס כמה כורין וכמאדז"ל (פסחים פז, ב). היינו שהזריעה שזרע יעקב אבינו - וכן נשיאי ישראל שבכל דור ודור (כמ"ש בספר קהלת יעקב (לבעהמ"ח מלא הרועים) מע' רבי שנשיא הוא ר"ת ניצוצו של יעקב אבינו) עד לנשיא דורנו בעל ההילולא - בתלמידיו, חסידיו ומקושריו, כוונתו בהזריעה היתה, שכל אחד מהם לא יסתפק בעבודתו בתומ"צ לעצמו, כי אם יכניס "כמה כורין", יעמיד מחנות מחנות של צבאות ה', העוסקים בגליא דתורה ובפנימיות התורה ובקיום המצות.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

וכאשר תלמידיו ימלאו תפקידם זה, שיהיו "זרעו", עי"ז יהי' הם בחיים, ועי"ז, אף הוא בחיים.

ביז וואנעט אז עס וועט קומען די צייט וואס מען וועט דאס זען בגלוי און מ'וועט זוכה זיין צו די ענינים פון תחה"מ ביז מ'וועט דאס זען בעיני בשר, וואס דאס וועט זיין בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

ב. עס איז דא נאך א דיוק אין דעם ווארט "זרעו", ווארום עס זיינען דא אזוינע וואס טענה'ן, אז מילא די ערשטע י"ב חודש - איז דא א ענין אין שו"ע וואס איז פארבונדן מיט די ערשטע י"ב חודש, און אזוי אויך בשנה השני', אבער בשעת עס גייט אוועק נאך א יאהר און נאך א יאהר איז טבע הענינים אז די אלע זאכן דארפן ווערן שוואכער?

דאס איז אבער פונקט דער היפך פון דער ענין פון זריעה. אויף זריעה דערציילט די גמרא אין בכורות און ס'איז אויך דא אין מדרשים, אז עס זיינען דא זמנים אין דעם: עס איז דא א זריעה וואס די גיט אירע פירות אין א משך זמן קצר; דערנאך איז דא א זריעה וואס פון איר קומען ארויס די פירות אין א משך זמן יותר ארוך, איז וואס די פירות זיינען מער חשוב'ער אלץ מערער זמן דארף דאס נעמען.

איז דעדפון פארשטאנדיק אז אדרבה: בקירוב מקום ובקירוב זמן איז דעמולט איז דא תבואה לכ"א יום וכיו"ב, וואס די כ"א יום איז דאך ניט פון זריעה וצמיחה, נאר משעת פרחיו עד שעת גמר פריו, אבער בנוגע צו אילנות בערך תבואה פאדערט זיך שלא בערך א גרעסערער זמן, וואס דוקא די פירות וואס זיינען מער חשוב און מער נוגע דארף דאס נעמען מער צייט.

ווי אזוי קאנען זיי אבער ארויס קומען אין א משך זמן לאחרי זה? איז דאס אויב אין דעם זמן שבינתיים האט מען צוגעזען דעם אילן עושה פירות אז ער זאל ניט ליידען פון עשבים בלתי מתאימים, און פון רוחות וגשמים בלתי מתאימים, און זאל האבן די אלע זאכן וואס עד דארף האבן כדי עד זאל וואקסן און געבן פירות, ביז פירות בתכלית השלימות, און ביז וואנעט אז עס זיינען דא פארשידענע ערליי תבואות און פירות, און א תמר דארף געווערן שבעים שנה ביז וואנעט ער גיט פירות.

וואס אע"פ זואס בנוגע צו ענינים פון וועלט איז דאך יעדער ענין א מדוד ומוגבל, אבער אין וועלט בשעת ער דערגייט צו תכלית השלימות, ווערט דאס ארויסגענומען פון זמן און דאס ווערט א ענין נצחי. אין אנדערע ווערטער: אע"פ וואס א מצוה טוט ער דאך דוקא אין א ציור ומדידה במקום וזמן,

[ניט נאר מצות שהזמ"ג, נאר אפילו די מצות שאין הזמ"ג, אבער דער עצם עשיית המצוה האט דאך אין זיך א מדידה והגבלה. מצות הצדקה, וואס דאס איז דאך א מצוה שאין הזמ"ג, און פונדעסטוועגן איז אויך דא פארשידענע הגבלות: די מצוה מצ"ע איז מוגבל אין דעם ענין פון מעשר ביז חומש, וואס בשעת עס איז דא אין דער מצוה א זייטיקער ענין, ווי ער איז מפרש בארוכה אין אגה"ת, אז מען דארף דאס האבן אלץ א תיקון, איז דעמולט גייט דאס ארויס פון הגבלות, אבער די מצוה מצ"ע (ביי דער וואס איז ישר הולך) האט א מדידה והגבלה],

אבער ס'איז ניט דער פשט אז ס'איז דא די מדידה והגבלה און ווייטער גייט דאס ניט, נאר פונקט דער היפך דערפון - דורך דער מדידה והגבלה וואס איז אנגעטאן געווארן אין דער מצוה ווערט דאס א ענין נצחי, די מדידה והגבלה נעמט עם ארויס פון דעם מקום וזמן און מאכט עם פאר א דבר נצחי, פארבונדן מיט'ן אויבערשטן.

און ווי מען זעט דאס אין מצות תפילין, וואס "הוקשה כל התורה כולה לתפילין", אז די מצוה איז דאך פארבונדן מיט א מקום דוקא, עס דארף זיין על קבורת היד ובמקום שמוחו של תינוק רופס, און אויב ער לייגט דאס אין א אנדער ארט איז די מצוה קיין מצוה ניט. עד"ז איז דאס אויך פארבונדן מיט זמן, וואס עס זיינען דא זמנים ווען תפילין איז קיין מצוה ניט, (צי בשבת ויו"ט, ווי די פלוגתא אין גמרא (דאה שבת סב, א. עירובין צה, ב ואילך)), אבער דורך דער מדידה והגבלה וואס ער מעסט זיך אפ און שטעלט זיך אריין אין זמן ומקום, און דעמולט טוט ער אן די תפילין, ווערט ער מיט די תפילין א דבר שבק-דושה, און ווי ער זאגט אין תניא (פכ"ה) אז "יחוד זה למעלה הוא נצחי לעולם ועד", אז דורך מדידה והגבלה קומט ער צו למעלה מהזמן והמקום.

וואס אזוי איז דאס אויך אין כללות חיי האדם, אז וויפל א איד זאל ניט לעבן איז כללות חייו ווערן נכלל אין שבעים שנה, ד.ה. אז אפילו די וואס האלטן ביי "אם בגבורות שמונים שנה", און "והי' ימיו מאה ועשרים שנה" (און עס זיינען דאך געווען אזוינע וואס האריכו ימים נאך מער דערפון, ניט נאר לפני מ"ת נאר אפילו נאך מ"ת, ווי די כמה סיפורים וואס עס איז דא אין מדרשים און אין גמרא ווי אזוי מען האט מאריך ימים געווען), אבער ימיהם זיינען נכלל געווארן אין שבעים שנה.

וואס דעריבער איז בשעת די גמרא זאגט "גזר דינו" (שבת קיט,ב) זאגט מען "גזר דינו של שבעים שנה", איז דאך ניט דער פירוש אז אויב ער לעבט הונדערט און צוואנציג יאהר העלפט עס ניט דער אמירת איש"ר וואס דאס איז קורע גזר דינו, עאכו"כ אז עס העלפט. אבער כללות חיי האדם ווערט אנגערופן בשם שבעים שנה ווארום עבודת האדם איז צו מברר זיין זיבעציג דרגות, וכמבואר הענין בכ"מ.

- וואס דערפאר איז דאך אויך אין טריפות, וואס דאס איז היפך החיים, רעכענט אוים דער רמב"ם (הל' שחיטה פ"י ה"ט) שבעים טריפות. צוליב וואס דארף מען האבן שבעים בכיוון, ניט מערער און ניט וויי-ניקער? ווארום טריפה איז היפך החיים, איז פונקט אזוי ווי בא חיים איז דער כללות הענין שבעים שנה, איז דער היפך החיים אויך בכללות שבעים. און פונקט אזוי ווי שבעים שנה איז בחיי הנשמה ווי זי קומט אראפ אין גוף דורך'ן נפה"ב, איז אויך דער ענין פון שבעים טריפות אין א בהמה, אין נפה"א איז ניטא דער גאנצער ענין פון הגבלה, אפילו קודם העבודה -

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז בשעת מען זאגט אז דער תכלית הענין אין פירות איז שבעים שנה, איז בנוגע צו "כי האדם עץ השדה", איז דער תכלית השלימות אין עבודת האדם (ווי זיין ארבעט איז אלץ "עץ השדה"), אז דער גזר דינו של שבעים שנה זאל זיין א גזר דין לחיים נצחי.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז אדרבה: וואס מערער מיט א יאהר דארף מען ארויסברייינגען פירות וואס זיינען חשוב'ער פון די פירות וואס זיינען געווען מיט א יאהר פריער, און מיט צוויי יאהר פריער, און אפילו ווי עס איז געווען בשנה הראשונה.

און דאס איז דער צווייטער דיוק וואס עס איז דא אין "זדעו": עס איז ניט נאר וואס עס ווערט א ריבוי בכמות, אז "זורע קב" בשביל "כמה כורים", נאר דאס איז אויך א ריבוי באיכות, וואס אין וועלט איז דער גרעין פון וועלכע עס וואקסט חטים וועט ניט וואקסן קיין שעורים, און דער גרעין פון וועלכע עס וואקסט תבואה וועט ניט וואקסן קיין אילן, און אזוי אויך להיפך, משא"כ בנוגע צו א איד, איז מצד אהבת ישראל איז ער דאך נכלל מיט אלע אידן צוזאמען, און ווי דער רבי דער בעל ההילולא האט דערציילט (ספה"ש ש"ת ע׳ 159) אז ער האט געפרעגט ביי זיין פאטער פארוואס מען זאגט קודם התפלה "הריני מקבל עלי מצות עשה של ואהבת לרעך כמוך", וואס דאס איז דאך דער ענין וואס ער איז זיך כולל מיט אלע אידן.

איז אמת טאקע: ער מצד שרש נשמתו (אדער ענינו) איז שייכות מערניט ווי צו א תבואה מיוחדת אדער צו א אילן מיוחד; בשעת ער איז זיך אבער כולל אין ואהבת לרעך כמוך - מיט כללות ישראל, איז דעמולט קאן ער זאגן "מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי אברהם יצחק ויעקב" (תדבא"ר פכ"ה), כאטש אפילו אז עבודתו של אברהם איז געווען בקו החסד והימין, און עבודתו של יצחק איז געווען בקו השמאל והדין, און עבודתו של יעקב איז געווען בקו השמאל והתודה, איז לכאורה ממ"נ: צו וועלכען קו ער האט א שייכות איז צו יענע מעשים קאן ער דערגייכן? דאס איז אבער אלץ מצ"ע, בשעת ער פארבינדט זיך מיט נאך אידן דעמולט קאן זיין "יגיעו מעשי למעשה אבותי", סיי אברהם, סיי יצחק, און סיי יעקב.

וואס אין גשמיות, וואס יעדער ענין איז ניט קיין נצחי און ניט קיין חיים נצחי און ניט קיין מציאות אמיתי, איז דארט האט מען פאנאנדערגעטיילט אז חיטים איז א באזונדער זאך; שעורים איז א באזונדער זאך; תבואה איז א באזונדער זאך; און אילנות איז א באזונדער זאך, משא"כ בא א איד איז מצד דעדוף וואס ער איז א בן מלך (און ווי עס שטייט אמאל דער לשון אין תקו"ז (בהקדמה א, ב) אז ער איז א מלך) איז "מלך פורץ גדר", ער האט אויף זיך ניט קיינע גדרים ומדידות והגבלות.

און אמת טאקע - ער הייבט אן זיין עבודה מיט א"ב, אבער ער קאן דערגרייכן אז עס זאל זיין דער "פורץ גדר" לגמרי, ביז וואנעט ער וועט קומען לתכלית השלימות, וואס אין וועלט (אין זמן) איז דאס שבעים שנה, וואס דאס איז דער "צדיק כתמר יפרח",

וואס דאס איז אויך כללות הענין, אז דער רבי האט געמאנט בא יעדען ניט נאר די עבודה פון אברהם אליין אדער יצחק אליין אדער יעקב אליין, און האט געמאנט ביידע זאכן, אז מען זאל לערנען מיט זיך סיי נגלה סיי חסידות, און מען זאל לערנען מיט א צווייטן נגלה און חסידות, און מען זאל געפינען צייט אויף ענינים פון צדקה כפשוטה, און געפינען צייט אויף ענינים פון צדקה ברוחניות, און ארום קוקען זיך וואו נאר ער זעט א מקום וואו עס פעלט עפעס זאל ער דערכענען אז דאס האט מען עם באווייזן כדי ער זאל דאס ממלא זיין.

און בשעת ער האט דאס פארלאנגט איז דאס ניט וואס "בא בטרוניא", נאר דערפאר וואס בא יעדען אידן ליגן אוצרות, ווי ער זאגט אין דעם המשך פון דעם יאהר-צייט, וואס דאס איז אוצרות וואס ביז אונזער דור האט מען דאס קיינעם ניט געוויזן, ועאכו"כ מען האט דאס ניט מבזבז געווען, אבער בדרא דעקבתא דמשיחא, וואס דעמולט דארף מען פארענדיקן די מלחמה פון "ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ" האט מען דאס מגלה געווען און מבזבז געווען,

און ווי ער זאגט אין דעם המשך בארוכה, אז גיבן גיט מען דאס ע"י פקידי החיל, אבער ווער פירט דעם נצחון איז דאס די בני החיל, די פשוט'ע סאלדאטן. און א סאלדאט איז קיין נפק"מ ניט - וואו מען שיקט עם אהין גייט ער, דארף ער שיסן פון א פושקע (א טויטעך) שיסט ער פון א טויטעך, עס איז אים קיין נפק"מ ניט, דאס גייט על אחריות פון דעם מפקד ראשי.

ער קאן מאכן תבואה לנ"ב יוס, און קאן ברייננען פירות וואס געדויערען שבעים שנה. וואס עס ווערט אבער פארלאנגט פון עס איז, אז ער דארף האבן דעם קב"ע אז אל כל אשר תשלחני זאל ער זאגן הנני, אויף דורך פירן די שליחות אז ער זאל זיין "זרעו", אז פון דעם "קב" זאל ווערן "כמה כורים", און מדי שנה בשנה זאל צוקומען אלץ נייע פירות, און בכל שנה ושנה א פרי וואס האט געדארפט האבן מערער זמן, דערפאר וואס זי איז העכער און ריינער און מערער קרוב אל התכלית,

וכאמור אז דאס מאכט אויף "זרעו בחיים" און מאכט אויף אז יעקב איז אויך בחיים, און ווי גערעדט אמאל אז דער מלא הרועים טייטשט אין ספר קהלת יעקב (מערכת רבי) אז נשיא איז א ד"ת ניצוץ של יעקב אבינו, איז אזוי איז דאס בא יעדער נשיא בדורו איז ער דער ניצוץ פון יעקב לא מת, איז אזוי אויך בא נשיא דורנו,

וואס דורך דערוף וואס יעדערער פון אונז וועט צוטראגן זיין חלק אין "זרעו בחיים", וועט מען אויפטאן אז עס זאל זיין דער "יעקב אבינו לא מת", און מ'וועט ממשיך זיין בפעולותיו און אין א אופן פון מוסיף והולך און מוסיף ואור, ביז וואנעט אז "צדיק כתמר יפרח" וואס דאס וועט זיין בביאת משיח צדקנו, בקרוב ממש.

(צוה לנגן צמאה לך נפשי).

ג. עס איז דאך געווארן א סדר אז פון יעדער ענין מאכט מען א סך הכל, כדי מאכן פארשטאנדיקער, איז המורם מכל האמור, אז דער תפקיד פון א איד איז געווען (אלעמאל, ועאכו"כ אין אונזערע דורות) אז ער דארף אויף זיך קוקען אז ער איז א גרעין וואס איז פארזייט געווארן אין דעם "ארץ חפץ", אז דער אויבערשטער האט אריין געווארפן א קערענדעל (וואס ער איז דאס דער קערענדל), על מנת אז פון דעם גרעין זאל אויסוואקסען תבואות ואילנות נושאי פירות,

וואס אין די תבואות ואילנות וועט דאך זיין כו"כ גרעינים, ד.ה. ניט אויף צו יוצא זיין מיט אני את נפשי הצלתי, און עס איז גענוג (לדעתו) אז דער גרעין זאל ניט קאליע ווערן און ער זאל בלייבן בשלימות [ובסגנון חז"ל (ב"מ קז, א) - הלואי זאל בלייבן יציאתו מן העולם כביאתו], ווארום ניט דאס איז די שליחות צוליב וועלכע א נשמה (וואס דאס איז דאך דער עצם פון א אידן) איז אראפ-געשיקט געווארן דא למטה אין א נפה"ב און אין א גוף גשמי, נאר די כוונה איז אז ער דארף קוקן אויף זיך אז מען פארזייט עם אין עוה"ז הגשמי בכדי אז דורך עם זאלן אויסוואקסן כמה פעמים ככה אידן וואס זיינען שומרי תורה ומקיימי מצות, וכלשון הכתוב - "ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט",

און נאך מערער: ער זאל זיך ניט באנוגענען און זאגן אז דיו לבן אז ער זאל זיין ווי אביו, אז עס איז גענוג אז ער וועט הארע-ווען ביז וואנעט זיינע מחונכים וועלן דערגרייכן די דרגא צו וועלכע ער האט דערגרייכט, דאס איז נאך ניט די כוונה, די כוונה איז אז עס זאל זיין כמה פעמים ככה, ניט נאר בכמות נאר אויך באיכות.

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: ווי קאן זיין "יפה כח הבן מכח האב" (שבועות מח, א), בשעת א בן קאן האבן מערניט דאס וואס איז געווען ביים אב? פון וואנעט קאן זיין ביים תלמיד מערער וויפל עס איז דא ביי זיין מחנך ומשפיע?

איז בד"א, אויב דער פארבונד צווישן דעם מחונך מיט'ן מחנך איז מערניט בחיצוניות, אז ער גיט עם איבער דאס וואס בא עם איז דאס פון אויסענווייניק, ובמילא איז דאס באגרעניצט צו די זאכן וואס זיינען בא אים דא בגלוי, בשעת מען קוקט אבער אויף מלאכת החינוך אז דאס איז "מלאכת הוי'", ווי די גמרא זאגט אין ב"ב (כא, ב), אז דאס איז די מלאכה וואס דער <u>אויבערשטער</u> האט איר געדארפט טאן, נאר דער אויבער-שטער האט עם אויסגעקליבן פאר א שליח אז ער זאל טאן זיין מלאכה, איז דאך ביי דעם אויבערשטן ניטא קיינע מדידות והגבלות, ווארום ער איז דאך תכלית השלימות, איז דערפאר בשעת זיין תפקיד בעולם איז אויף דורך פירן דעם אויבערשטנס שליחות, איז דאס ניט באגרעניצט מיט די כחות המדודים ומוגבלים, וואס דאס זיינען כחות שבגלוי.

וואס לכאורה - ווי קאן ער דורך פירן א שליחות בלתי מוגבלת, בשעת ער אליין איז א מוגבל בגוף וחלקו בעולם, און אפילו זיין נשמה איז דאך א מוגבלת? איז דאך אבער ווי דער אלטער רבי זאגט, אז "נפש השנית בישראל היא חלק אלוקה ממעל ממש", איז ער האט בא זיך דעם "חלק אלוקה ממעל", און דער אלטער רבי איז נאך מוסיף דעם וואר "<u>ממש</u>", איז דאס איז דער קונץ, וואס דער אויבערשטער - דער כל יכול, קאן זיך ארייןשטעלן אין א "חלק" דא למטה וואס טוט זיך אן אין א נפה"ב, און דורך דעם נפה"ב אין גוף,

און וויבאלד אז ער איז בא זיך מגלה דעם "חלק אלוקה ממעל ממש", קאן ער ווערן שלוחו של אדם כמותו, א שליח מתאים אויף דורך פירן די שליחות, אז ניט נאר וואס דער מחונך וועט זיין לפ"ע זיינע כחות, נאר ער קאן אויפטאן אז יענער וועט ווערן <u>גרעסער</u> פון עם, העכער און גרעסער פון זיינע כחות גלויים.

וואס דאס איז אויך דואס די גמרא גיט א כלל (סנהדרין קה, ב) אז "בכל אדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו". קנאה איז שייכות זאגן ווען מען איז בדרגא שלו, וביותר איז דאס שייכות ווען מען ווערט גרעסער, און אויף דערויף זאגט מען, אז ניט נאר בבנו איז שייכות א מציאות אז עס זאל קאנען זיין קנאה, און די גמרא איז דאס שולל, נאר אפילו בתלמידו - וואס א תלמיד גיט ער דאך איבער מערניט ווי שכל שלו, אבער אויב ער פארבינדט דעם שכל מיט'ן "חלק אלקה ממעל ממש", קאן דער תלמיד ווערן גרעסער פון עם, און מען דארף האבן די באווארעניש אז אין אדם מתקנא בתלמידו.

און דאס איז די שליחות פון יעדערען, אז ער זאל ניט זאגן מה אני ומי אני, אז אפשאצענדיק זיינע כחות און מעגליכקייטן איז וויפל קאן ער אויפטאן און אין וואס פאר א שטח קאן ער אויפטאן, איז דאס ניט ריכטיג, דערפאר וואס ער גייט ניט אליין, נאר ער גייט בשליחות פון זיין "חלק אלקה ממעל ממש", וואס זי האט א שליחות פון דעם "אלוקה ממעל", וואס ער האט עם פארזייט בארץ הלזו התחתונה, "וזרעתי' לי בארץ" (הושע ב, כה) - כדי עס זאל אויסוואקסן דער אילן נושא פירות, און ביז אין א אופן פון א אילן תמרים, דער "צדיק <u>כתמר</u> יפרח".

און עס איז אינגאנצן ניט שייכות אין דעם קיינע הגבלות, און די שליחות והוראה קאן מען מאנען פון יעדער אידן, און ווי עס שטייט אין שו"ע (יו"ד סי' רמ"ח ס"א) אז אפילו א עני איז מחויב אין מצות צדקה (לכה"פ שלישית השקל בשנה (שם סי' רמ"ט ס"ב), אבער צדקה איז ער מחויב), וכאמר לעיל (שיחה ב'), אז די הגבלה פון צדקה שטעלט אוועק צדקה למעלה מהגבלות, נאר וואס דען - איז ער א עני האט ער דעם אופן הגבלה, אבער דאס שטעלט עס אוועק אין דעם "יחוד זה למעלה הוא נצחי לעולם ועד".

און אויף דערויף איז דא א סיפור פון דעם בעל ההילולא וואס באלייכט דעם גאנצן ענין. וואס ער האט דערציילט וועגען זיין פאטער - דעם רבי'ן נ"ע, אין די יארן וואס זיין פאטער איז געווען אלט עפעס מערער פון ניין יאהר, און האט געהאט א עלטערן ברודער וואס איז דעמולט אלט געווען עלף יאהר, איז אמאל גייענדיק פון חדר, אזוי ווי דער ברודער איז געווען א בקי בדקדוק און פלעגט מדקדק זיין בתפלתו, און ביים רבי'ן נ"ע איז ניט געווען אזוי די הקפדה ווען ער איז געווען ניין יאהר מיט א האלבען (אדער ניין יאהר מיט א פערטעל), פלעגט ער זיך מיט עם רייצען אין ענינים וואס זיי זיינען פארבונדן מיט תפלה,

האט דערציילט דער בעל ההילולא - דער שווער, אז אין יענער צייט האט דער רז"א געפרעגט ביים רבי'ן נ"ע, פארוואס נאך "מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה" שטייט אין סידור א פינטעלע? וואס איז דאס די פינטעלע? האט ער אויף דערויף געענטפערט, אז דער גאנצער ענין באשטייט אין דער פינטעלע. און מען זאגט דאס גאנץ פרי, דערפאר וואס דערנאך דארף מען זען אז די פינטעלע זאל זיך פאנאנדערגיין.

דערנאך האט דער רז"א בא עם געפרעגט, וואס איז דער ענין וואס מען דארף דאווענען יעדער טאג? האט ער געענטפערט אז דאס איז כדי די פינטעלע זאל זיך פאנאנדער גיין יעדער טאג, און ער האט מסיים געווען, אז "בחמלה" שטייט צוויי מאל אין ברכת השחר און דאווענען: איינמאל שטייט דאס אין מודה אני, און דעם צווייטן מאל שטייט דאס אין אהבת עולם, און די פינטעלע שטייט מערניט אין מודה אני, אבער אין אהבת עולם איז די פינטעלע שוין מער ניטא. און האט מסביר געווען, אז דער דאווענען טוט אויף אז די פינטעלע זאל זיך פאנאנ-דערגיין. און יארן שפעטער האט דער רבי נ"ע פארטייטשט אז דאס גייט אויף נקודת הלב.

אין אנדערע ווערטער: אויף יעדער איד, אפילו א איד וואס ער איז ניט קיין געוואשענער (ווארום מודה אני זאגט מען אײדער מען האט זיך געוואשן נעגל וואסער), אפילו בא א איד וואס ער האט נאך דעם טאג ניט מקיים געווען א מצוה, און ער האט נאך ניט געלערנט קיין תורה (ווארום מודה אני זאגט מען גלייך ווי מען כאפט זיך אויף, אײדער מען לערענט תורה און מקיים מצות, און אײדער מען וואשט די הענט, וואס יעמולט איז ניט די צייט פון לימוד התורה), זאגט מען אז א "מודה אני איד", וואס האט קיין שייכות ניט (אין זיינע יאהרען ביז איצטער) צו תורה און מצות, און ניט צו קיינע זאכן, שטייט אבער בא עם א "פינטעלע", און די פינטעלע איז פארבונדן מיט "מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי", ניט אז דאס הענגט אפ אין עם - אז ער וויל האט ער די פינטעלע און אז ער וויל האט ער ניט, נאר דער אויבערשטער (וואס ער איז דער "מלך" - ער איז דער בעה"ב אויף דער גאנצער וועלט) האט אין עם אריינגעשטעלט א פינטעלע,

און האט דאס ניט איינגעשטעלט כדי ער זאל זיך מאטערן ח"ו, וכסגנון העולם - עס איז שווער צו זיין א איד, זאגט מען אדרבה: דאס איז "בחמלה", מצד דערוף וואס דער אויבערשטער האט אויף עם רחמנות, און ווי דער אויבערשטער קאן רחמנות האבן, וואס ביי דעם אויבערשטן זיינען דאך אלע זיינע מדות אן מדידה והגבלה, דאס איז ר"ר אן קיין מדידה והגבלה, איז מצד דערוף וואס דער אויבערשטער האט אויף עם רחמנות און וויל עם געבן כל טוב, גיט ער איין עם אריין א פינטעלע, אפילו אז ער האט ניט געלערנט קיין תורה; ניט מקיים געווען קיין מצות; און ניט געוואשן די הענט, ער איז כולו ניט שייכות (לכאורה) צו טוב וקדושה,

לכאורה - וואס וועט ער אויפטאן מיט דער פינטעלע, אז ער האט ניט קיינע זאכן מיט וואס אויסנוצן די פינטעלע, ווארום ניט ער ווייס וואס עס שטייט אין תורה, און ניט ער ווייס אין וואס א מצוה באשטייט? איז אויף דערוף זאגט מען "רבה אמונתך", אז בשעת מען גלייבט אין אויבערשטן (וואס דאס איז דאך דא בא יעדער איד, און ווי חז"ל זאגן עדות (שבת צז, א) אז אידן זיינען "מאמינים בני מאמינים") וועדט דאס די התחלה אז די פינטעלע זאל זיך פאנאנדער-גייען דורך'ן גאנצן גוף, דאס זאל דורך נעמען זיינע רמ"ח אברים, וואס דערפון נעמט זיך די דמ"ח מ"ע, און זאל דורך נעמען די שס"ה גידים, וואס דערפון נעמט זיך די שמירת שס"ה ל"ת. וכאמור: דאס איז ניט אויף מאכן א אידן שווער דעם לעבן, נאר אדרבה: "רצה הקב"ה לזכות את ישראל, לפיכך הרבה להם תומ"צ".

און דאס איז אויך דער ענטפער צו די וואס רעדן זיך איין אז זיי האבן קשיות, און מצד קשיות קאן ער ניט נעמען די פינטעלע און איר פאנאנדערפירן אין גאנצן גוף דורך די רמ"ח אברים ושס"ה גידים,

זאגט מען אויף דערוף אז סיי-ווי-סיי איז "בל ידח ממנו נדח" (ש"ב יד, יד בשינוי ל'), ווארום דער אויבערשטער איז דער "מלך חי וקים", און ער האט אין עם אריינגעגעבן די נשמה ("שהחזרת בי נשמתי") וואס דאס איז די נקודת היהדות, עס איז דאך "חלק אלוקה ממעל ממש",

און האט דאס אריינגעגעבן אין א אופן אז דאס זאל זיין "בחמלה", אז א אידן זאל זיין גוט דורך לימוד התורה וקיום המצות, און עס איז אין עניך יוצא מידי פשוטו [און בפרט א זאך וואס מען זאגט א אידן איידער ער וואשט זיך נאך נעגל וואסער, איז דאך א זיכערע זאך אז דאס מיינט מען אויך אין פשטות הענינים, ווי עס קאן באנעמען אזא וואס האט זיך נאך קיין נעגל וואסער אויך ניט געוואשן], אז דאס מיינט מען "בחמלה" - מען האט אויף עם רחמנות בחייו הגשמיים, און כדי עס זאל זיין גוט און ער זאל זיין גליקליך בחיים בשריים, אין חיים כפשוטם אין עוה"ז הגשמי, איז אויף דערוף האט מען עס געגעבן די נקודה, און אמונה איז בכח אויף דורכנעמען זיין גאנצע מציאות, ביז אז פון "רבה אמונתך" זאל ער אריינקומען אין דער ברכת ק"ש, וואס דארטן איז דא דער "ובנו בחרת כו' וקרבתנו מלכנו לשמך הגדול כו', הבוחר בעמו ישראל באהבה",

און דאס איז די הוראה כללית פון דעם וואס איין נשיא גיט איבער וואס עס האט געטראפן מיט זיין פאטער, וואס ער איז געווען א נשיא בימיו, וואס דאס האט געטראפן ווען ער איז נאך געווען א קינד, און דעם חינוך וואס זיין פאטער (וואס ער איז געווען א

הנחת הת' בלתי מוגה

נשיא) האט עס מחנך געווען בקטנותו, איז דאס איז דערנאך ארויס-
געקומען א הוראה לדורות, אז יעדער איד זאל וויסן אז מצד דערוף
וואס ער איז א איד האט ער אויף זיך א "מלך חי וקים", און דער מלך
חי וקים איז א מלך בעוה"ז הגשמי והחומרי, דערפאר האט ער געוואלט
(מצד חמלה שלו) ארייננגעבן די נקודת היהדות אין יעדער אידן, בתוכו
פנימה,

און האט עס אנגעזאגט (וואס א אנזאג פון א "מלך חי וקים" איז
דאך א נתינת כח), אז איצטער שטעל זיך דאוונען, דער דע לפני מי
אתה עומד, דו זאלסט וויסן אז דו ביסט ניט אין א חלל ריק, אין א
ליידיקע וועלט, נאר "יש בעה"ב לבירה זו" (ראה ב"ר ר"פ לך), עס
איז דא א "מלך חי וקים", און דאס ווערט דער עניין התפילה - דער
"דע לפני מי אתה עומד", און דאס פירט פאנאנדער די נקודת היהדות
איבער זיין גאנצע מציאות, און דערנאך ווערט דאס פון דארטן נמשך
בחלקו בעולם, ביז וואנעט אז ער מאכט אויך די וועלט ארוס זיך
ליכטיג.

און דאס איז וואס מען האט גערעדט פריער, אז הוראת נשיאינו
לדורותיהם ועד לדורנו זה איז אז עס זאל זיין דער "זרעו בחיים",
ע"ד ווי מען פארזייט א גרעין, וואס בערך דעם אילן נושא פירות
איז דאס מערניט ווי א נקודה, און בשעת דער גרעין זאל בלייבן פאר
זיך, און זאל ניט וועלן פראוועץ מס"נ און צולאזן רקבון הגרעין,
וועט קיין אילן קיינמאל ניט אויסוואקסן. בשעת ער איז מבטל זיין
מציאות - רקבון הגרעין, איז דעמולט וואקסט אויף פון דער נקודה
דער אילן נושא פירות, דער "זה הקטן גדול יהי׳".

און דאס איז אויך א ענטפער אויף די אלע וואס ריידן זיך איין
יאז זיי האבן קשיות, און די קשיות זיינען זיי מבלבל אויף דורך
פירן זייער שליחות בעולם, איז אויף דערוף דער ענטפער: ניט א
קשיא שטעלט עפעס אפ און ניט א קשיא איז עפעס מוסיף, דאס קאן נאר
מבלבל זיין און מאכן שווערער די עבודה, אבער ניט דאס איז א
מציאות,

מען דארף טאקע הארעווען אויף אראפנעמען און פארענטפערן די
קשיא, אבער "לא עליך המלאכה לגמור", ער איז ניט מחויב פארענטפערן
אלע קשיות, ווארום אז ניט וועט עס ניט בלייבן קיין צייט אויף
לעבן, ער וועט די גאנצע צייט פארענטפערן קשיות וואס זיין יצה"ר
וועט עס צושטעלן אדער וואס דעם פרעמדנס יצה"ר וועט עס צושטעלן.

דער תכלית החיים איז דאך "ואתם הדבקים בהוי׳ אלקיכם", וואס
דערפאר ווערט "חיים כולכם היום", איז דעמולט איז אים ניט מבלבל אז
ער האט א קשיא, און דאס שטערט עם ניט אז עס זאל זיין חיים ראויים
לשמם, חיים אמיתיים וואס זיינען פארבונדן מיט אלקים חיים, וואס
דאס איז ממשיך חיים אויך בעוה"ז,

וואס דעמולט טוט זיך אויף דער "זרעו בחיים", אויף ממשיך
זיין ביז למטה מעשרה טפחים, דורך-פירן דארט די שליחות אויף מאכן
פון וועלט אז דאס זאל זיין א לעבעדיקע וועלט, דורך דערוף וואס
מען וועט דארטן לערנען תורת חיים און מען וועט דארטן מקיים זיין
מצות אויף וועלכע עס שטייט "וחי בהם",

וואס דעמולט וועט נמשך ווערן אין וועלט הגשמי והחומרי אז
עס זאל ווערן אויס חומריות און די גשמיות זאל ווערן א חי בחיים

נצחיים, דורך דעם פארבונד מיט אלקים חיים (ווי גערעדט פריער בארוכה), און ווי חסידות איז נאך מער מבאר אז מען זאל דורכפירן די שליחות מתוך חיות ושמחה וטוב לבב, פירט זיך דאס דורך שנעלער און בעסער און טיפער און געשמאקער.

ד. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה באתי לגני.

(צוה לנגן ופרצת).

ה. דער רבי דער בעל ההילולא האט מיט צוואנציק יאר צוריק אין די הילולא פון זיין פאטער (ב׳ ניסן תש"ג) איבערגעגעבן א תורה וואס דער אלטער רבי האט געהערט פון מגיד וואס ער האט געהערט פון בעש"ט, און וואס דער בעש"ט האט דאס געהאט בקבלה, וואס די תורה איז געווען עה"פ "שויתי ה׳ לנגדי תמיד כי מימיני בל אמוט", האט דער בעש"ט גע-טייטשט, אז דער שם הוי׳ דארף זיין אזוי ווי א חבד. אז מ׳גיט א חבר שלום איז דאך ימינו כנגד שמאל חבירו, אזוי דארף דער שם הוי׳ פועל זיין על שמאלו. ווארום כי מימיני איז דאך "בל אמוט", איז דער שם הוי׳ דארף פועל זיין על שמאלו (ראה ספה"ש תש"ג ע׳ 50 ואילך).

דער רבי האט דעמולט ניט מבאר געווען קיין פרטים בזה, אבער דער פירוש הפשוט בזה איז: עס איז דאך "לב חכם לימינו ולב כסיל לשמאלו" (קהלת י, ב), און ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא, אז דער נפה"א און דער יצ"ט איז משכנם אין חלל הימני שבלב, און דער נפה"ב און דער יצה"ר איז משכנם בחלל השמאלי, איז דערפאר זאגט מען "שויתי ה׳ לנגדי תמיד כי מימיני בל אמוט", דער יצ"ט וויל דאך טוב, און מען דארף נאר באווארענען דעם שמאל, וואס דאס באווארענט ימינו של הקב"ה.

דאס איז די תורה וואס דער בעש"ט האט געהאט בקבלה און איבער-געגעבן דעם מעזריטשער מגיד און ער האט דאס איבערגעגעבן דעם אלטן רבי׳ן און צו אונז איז דאס געקומען דורך׳ן רבי׳ן דעם נשיא דער בעל ההילולא.

דערנאך האט ער געזאגט, אז דער רבי נ"ע (דער פאטער זיינער) האט עס מסביר געווען אז דאס איז געזאגט געווארן אויף די צדיקים וואס בא זיי איז דער ימין געווען בהזדככות, אבער בנוגע צו סתם בנ"א, דארף מען האבן דעם "שויתי ה׳" - דעם עזר פון דעם אויבער-שטן, אויף דעם גופא אז דער ימין זאל ניט זיין קיין "אמוט".

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: דער ימין גייט דאך אויפן יצ"ט, איז וואס דארף מען האבן אויף דערויף דעם עזר אז עס זאל זיין "בל אמוט", און מען דארף אנקומען צו דעם אויבערשטנס עזר מיוחד, בה בשעה אז בטבע וויל דער יצ"ט נאר טוב?

איז ווי מען רעדט אין מדריגות נמוכות, איז דאס ע"ד ווי גערעדט אין מאמר, אז אויב ער איז ניט קיין מבורר ומזוכך קאן זיין "יעוז בהותו" פון דעם טוב וואס דער אויבערשטער גיט עם, און ער זאל דאס אויסנוצן אין א ענין בלתי רצוי, און ביז אין א ענין הפכי, וואס די התחלה הייבט זיך ניט אן מיט "עבותות העגלה", נאר עס הייבט זיך אן מיט א חוט השערה - "חבלי השוא", אבער פון דעם חוט השערה קאן דערנאך ארויסקומען אז אפילו דער יצ"ט איז ניט ווי עס באדארף צו זיין, און אויף דעם דארף מען האבן דעם עזר הקב"ה. און דאס

הנחת הת׳ בלתי מוגה

איז אויך דער ווארט הידוע וואס מען דערציילט אין נאמען פון אלטן רבי׳ן, אז דער אלטער רבי האט געזאגט: וואס מיינסטו - עשו איז געגאנגען מיט א "קושאט" (א גארטל של חבל) און א האק אין דעם? עשו איז אויך געגאנגען מיט א זיידענע זופעצע, און ווי דער רבי נ"ע האט געזאגט (בהמשך צו א סיפור) אז ער האט גארניט געוואוסט אז עס קאן אמאל זיין אז דער יצה"ר זאל זיך אנטאן אויך אין א זיי-דענע זופעצע,

וואס ס׳איז ניט דער פירוש אז מען טוט זיך אן אין א לבוש גשמי, נאר מען קאן אמאל אויסנוצן לבושי משי, וואס מצד עצמן איז דאס לכאורה פון עולם הבריאה, וואס דארטן איז חצי און חצי, און ס׳איז ניט מעורב כו׳ מיט די אלע מעלות וואס עס שטייט אויף עולם הבריאה, און פונדעסטוועגן זאל דאס אראפקומען אין א עזר פאר דער יצה"ר.

דערנאך איז דא דער ענין בפשיטות, וואס דאס איז נוגע צו אונז עס זיינען דא (ווי געררעדט אמאל) נשמות התועות, וואס בשעת מען קומט צו גיין צו א אידן און מען זאגט עס אז מען דארף איצטער געבן אויף צדקה, זאגט ער אז דער יצ"ט האט עס אנגעזאגט אז היינט דארף ער זיצן און לערנען, און ניט האבן קיין שייכות מיט וועלט, און צדקה זאל מען גיין בעטן בא א צווייטן, דערפאר וואס ער איז פארנומען מיט׳ן לערנען.

ועד"ז אין דעם צווייטן קצה: עס איז דא אזא וואס ער גיט צדקה, אבער אז מען זאגט עס אז מען דארף דאווענען תפלה בציבור, און נאכן דאווענען דארף מען האבן א שיעור אין לערנען, און דערנאך אין דעם עסק דארף מען זיין אפגעהיט ניט נאר פון השגת גבול און א דבר שקר כפשוטו, נאר אויך פון אבק לה"ר און השגת גבול בדקות, איז דעמולט טענה׳ט ער אז ער איז פארנומען מיט מצות צדקה, און ער טוט אלץ כדי די מצוה זאל זיך דורכפירן, און ער האט קיין צייט ניט אויף דאווענען תפלה בצבור און אויף א שיעור בתורה, און עאכו"כ אז ער קאן ניט זיין אפגעהיט אין אלע דקדוקים, ער דארף האבן וואס מער געלט כדי ער זאל קאנען געבן וואס מערעד צדקה.

און בשעת מען איז עס מסביר דעם ענין פון "מצוה הבאה בעבירה", טענה׳ט ער אז די מצוה איז א מצוה דאורייתא, און די עבירה איז מערניט ווי א דקדוק קל של ד"ס, אדער מערניט ווי א הנהגה בעלמא, אדער עס קאן גאר זיין ע"ד ווי די גמרא זאגט אין יומא (פו, א) אז בא א אנדערן וואלט דאס גארניט געהייסן א ענין פון היפך פון תורה ומצות, און ס׳איז מערניט וואס "כגון אנא" איז דאס חילול השם (וואס איז הארבער פון אלע עבירות), אבער ביי אנדערע איז דאס לגמרי א ענין של היתר,

און דאס איז וואס דער יצה"ר טוט זיך אן אין די לבושים פון יצ"ט, וואס ער איז מימינו, און נוצט אויס די עניניס פון תומ"צ אויף צוברייינגען אז ער זאל טאן היפך פון רצון הבורא ח"ו, און ווי די צוויי דוגמאות וואס ער ברענגט אין מאמר, אז עס איז דא בעלי עסק - וואס בא זיי איז דאך דעד עיקר ענין "מאדי עובדין טבין", וואס דער עיקר פון זייער עבודה איז צדקה, ווי דער אלטער רבי זאגט אין אגה"ק (סי׳ ט׳), קאן מען בא זיי ניט פועל׳ן אז מען זאל זיין אפגעהיט אין קביעות עתים לתורה און תפלה בצבור ג׳ פעמים בכל יום, ועד"ז בשאר העניינים, וואס זיי האבן אויף דערוף דעם תירוץ און מען איז זיך משתמש מצד דעם ענין פון צדקה. און בפרט נאך אז צדקה איז "שקולה כנגד כל המצות" (ב"ב ט, א).

ועד"ז בא יושבי אהל (ווי געזאגט איין מאמר): אויב עס איז ניט באווארנט און חקוק לנגד עיניו דער ענין פון "נותן התורה", איז דעמולט בשעת עס פעלט דער "שויתי ה׳ לנגדי תמיד", קאן זיין אז דער ימין זאל אויך זיין "אמוט", אז מען זאל עם אראפפירן פון דעם "ושמרו דרך ה׳", און ער זאל טאן ניט דאס וואס ווערט פון עם פארלאנגט,

און דערפאר האט ער דעמולט אויך געגעבן די הוראה, אז דאס איז א ענין פאר צדיקים, וואס בא זיי איז דער ימין געווען בהזדככות, איז וויבאלד אז אין ימין איז ניטא קיין אחיזה לרע, דערפאר דארף מען נאר באווארענען דעם שמאל, ווארום אפילו בא זיי קאן דאך זיין ווי ער זאגט אין תניא (רפכ"ח) שאז נופלים להם מחשבות משל אחרים, און זייער ארבעט איז להעלותם, ועד"ז בנוגע צו שאר ענינים, משא"כ בא די וואס זיינען ניט מזוכך דארף מען באווארענען ניט נאר דעם שמאל נאר אויך דעם ימין,

און דער רבי דער בעל ההילולא האט מסיים געווען, אז זיין פאטער האט אים געזאגט אז אין דאווענען איז עס איינגעפאלן דעם אפ-טייטש אין "מימיני בל אמוט" אז "פון די גערעכטיקייט (פון דעם ריכ-טיגן וועג) זאל מען זיך ניט אויסגליטשען".

און האט מסביר געווען אז א חסידישער יונגערמאן וויל דאך טאן אלץ כדבעי, נאר עס איז דא אמאל אז דער שכל מישט זיך אריין און וויל עס אויסגליטשען און ארויסנעמען פון זיין גערעכטיקייט, און דא דארף מען האבן דעם "שויתי ה׳ לנגדי תמיד", אז ער זאל העלפן אז מען זאל זיך ניט אויסגליטשען פון דעם וועג, וואס ער אליין ווייס אז דאס איז די ריכטיגע וועג,

מ׳האט גערעדט כמה פעמים דעם ווארט פון אלטן רבי׳ן, אז חסידות איז שייכות צו יעדערן. נאר איינער האט דאס שוין במזומן ובגלוי – דאס איז א תוספת ביאור – און בא א צווייטן איז דאס בהעלם, און ער דארף דאס "איינקעשען" (ווי מען זאגט דא), אבער דאס איז דא בא יעדערן,

איז מצד דערוף איז אויך בא יעדערן ווי דעם אלטן רבי׳נס ווארט, אז א איד ניט ער וויל און ניט ער קאן זיין אפגעריסן פון אלקות, נאר וואס דען – עס קומט דער יצה"ר און רעדט עם איין אז "עודנו ביהדותו" אע"פ וואס ער וועט עובר זיין דעם אויבערשטנס רצון,

בשעת עס איז אבער דא דער "שויתי ה׳", בשעת ער שטעלט זיך פאר דעם אויבערשטן אנטקעגען זיך, איז דעמולט "כדונג נמסו", ביז וואנעט אז אויך יאבדו, וכידוע (און ווי אויך גערעדט אין דעם אלטן רבי׳נס מאמר וואס מען האט גע׳חזר׳ט בשבתים שלפני זה), אז אין ענינים פון גקה"ט דארף זיין יאבדו; אבער אין ענינים פון ק"נ, פון כח המתאוה, דארף מען מערניט ווי "נמסו", ד.ה. איבער-מאכן די צורה, אז תמורת זה וואס ער נוצט אוים זיינע כחות און התלהבות אין ענינים בלתי רצויים זאל ער זיי אויסנוצן אין ענינים פון קדושה, וואס דאס איז דער ענין פון וואקס, אז בשעת מען מאכט עס ווייך "כדונג נמסו", קאן מען פון עם מאכן א צורה און זיך משתמש זיין מיט עם אין וואס פאר אן אופן מען וויל,

און דאס העלפט דער "שויתי ה׳ לנגדי", אז די ענינים בלתי רצויים בתכלית איז יאבדו; און די ענינים וואס מען דארף מערניט ווי איבערמאכן די צורה זייערע, ווערט דאס "כדונג נמסו", און עס פירט זיך אוים דער "מימיני בל אמוט".

הנחת הת׳ בלתי מוגה

אלע ענינים זיינען דאך מרומז אויך אין נגלה דתורה, וואס דאס איז וואס די אלע פיר חלקים פון שו"ע, וואס תחלתם איז או"ח, איז די התחלה אין סימן ראשון אין או"ח איז "שויתי ה׳ לנגדי תמיד", און דארט זאגט מען אז דאס איז ווי ער געפינט זיך פאר א מלך, וואס דעמולט איז ער דאס ניט מסביר בשכל, נאר בדרך ממילא איז תפול עליו אימתה ופחד, ווארום בא א מלך דארף זיין "שום תשים עליך מלך", אין א אופן פון קב"ע,

וואס דאס איז די התחלה פון אלע ענינים וואס זיינען אין שו"ע, וואס זיי זיינען דאך כולל כל חיי האדם, איז די התחלה איז "שויתי ה׳ לנגדי תמיד", און אין אן אופן (ווי ער איז דארט גלייך מבאר) אז ישים אל לבו אז ער געפינט זיך פאר ממה"מ הקב"ה, וואס דעמולט איז עס ניט נוגע די ענינים פון הבנה והשגה, צי ער פארשטייט יע צי ער פארשטייט ניט, און עס ווערט בא עם בדרך קב"ע דער "שום תשים עליך מלך", און פון קב"ע מלכות שמים קומט עס דערנאך אראפ אין קיום התומ"צ, ווי די משנה זאגט אין ברכות (פ"ב מ"ב),

וואס ווי ער זאגט דעם משל אין תניא (פמ"ו) פון א הדיוט ושפל אנשים המוטל באשפה, און דער מלך איז עם מקרב, איז אזוי אויך בשעת ער שאצט אפ (ווי דער רמ"א פסק׳נט אפ אין הלכות תפלה דסצ"א) שפלות האדם וביחד עם זה רוממות הא-ל, און ער הייבט אן זיין טאג מיט דעם "שויתי" - די צוויי ענינים הפכיים, ווערט בא עם א שמחה גדולה ביותר, און די שמחה איז פורץ כל הגדרים,

און ער האט דעם אורח חיים כו׳ ביז צו חושן משפט, אז ער פירט אוים דעם "ושמרו דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט", וואס אנגעהויבן האט זיך דאס מיט "אחד הי׳ אברהם", און דאס ענדיקט זיך מיט "ויירש את הארץ" (יחזקא׳ לג, כד), וכמ"ש "וזרעו יירש ארץ", און ווי גערעדט פריער אז דער עניך פון "זרעו" איז כולל יעדע ענינים, אז כאטש אפילו ער איז איינער בכמות איז ער מצמיח "כמה כורים", און כאטש אפילו ער איז באיכות מערניט ווי א גרעין שאין בו טעם וריח, וואקסן פון עם אויף פירות וואס זיינען טוב למראה ונחמד למאכל,

וואס דאס וועט אראפברייינגען ביאת משיח צדקנו, וואס דעמולט וועט זיין "ועלהו לתרופה" (יחזקא׳ מז, יב), (ווי די גמרא (סנהדרין ק, א) איז מבאר די ענינים בזה), וואס דאס איז אויך וואס דער ספרא זאגט (עה"פ בחקותי כו, ד, כתובות בסופה) אז לע"ל איז אויך אילני סרק מביאים פירות, וואס דאס ווערט אין דער עבודה במשך זמן הגלות, אז ער שאצט זיך אפ אז ער איז מערניט ווי א אילן סרק, און אעפ"כ פועל׳ט ער בא זיך אז ער זאל מביא זיין פירות, פירותיהן של צדיקים אלו תומ"צ (ב"ד פל"ו, ב. תנחומא - באבער - נח, ב), וואס דאס ברייינגט אראפ למטה מעשרה טפחים דעם קיום היעוד "וכל עצי השדה ימחאו כף" (ישעי׳ נה, יב), בביאת משיח צדקנו בשמחה ובטוב לבב.

ו. עס איז ידוע דער מנהג מדי שנה בשנה, אז יו"ד שבט (אדער אין א פארברייינגען וואס איז פארבונדן מיט יו"ד שבט) איז מען זיך נוהג בנוגע צו קרן תורה.

בכלל איז דא אזוינע וואס שרעקן זיך אז עס קומט צו נאך א קרן און נאך א קרן. אין מדרש שטייט אז עס זיינען דא עשרה קרנות, און נאך בעסער - אין ביהמ"ק זיינען געווען י"ג שופרות (שקלים פ"ו מ"א), (דאדט ווערט דאס אנגערופן בשם שופר, אבער דאס איז דער

זעלבער ענין פון די קרנות, וואס מען פלעגט לייגן געלט אין דרייצן ערטער). וואס לכאורה - ווי קומט אין ביהמ"ק דער גאנצער ענין פון געלט? איז דוקא בביהמ"ק איז געווען י"ג שופרות. דערווייליע האלט מען נאך ניט בא דעם מספר עשר ועאכו"כ ניט בא דעם מספר י"ג].

- וואס איך וויל נאר באווארענען, אז לא טובה השמועה אז עס איז דא אזוינע וואס האבן זיך משתתף געווען אין דעם קרן פון מאה וחמשים (בקשר דאס וואס היינטיגער יאהר איז מאה וחמשים שנה פון דעם אלטן רבי'ן, בעל התניא והשו"ע), און דערפאר האבן זיי אראפגענומען (איך וויל ניט זאגן איינגאנצן, נאר מ'האט ממעט געווען) פון די צדקות וואס לולא דעם קרן וואלטן זיי דאדס יע געגעבן.

וויל איך דא ניט אריינגיין אין דעם דין צי דאס איז משנה מצדקה לצדקה צי ניט, אבער בכל אופן איז לא טובה השמועה - פון טוב איז דאס גאר ווייט.

און וואס נאך ערגער איז: צדקה איז דאך פארבונדן מיט "עשר בשביל שתתעשר", איז למה הדבר דומה, אז א איד וועט זאגן אז וויבאלד אז ער איז געווארן רייכער, וועט ער געבן ווייניקער צדקה (ע"ד ווי גערעדט אין מאמר, אז דורך דערוף וואס מען גיט עס מער טוב איז "יעוז בהותו"), ד.ה. וויבאלד אז מען האט עס מזכה געווען מיט נאך א קרן של צדקה, און ער האט זיך משתתף געווען אין דער צדקה, איז עס דאך צוגעקומען א נייער מקור לעשירות, דורך נאך א וועג, איז דערפאר וואס ער ווערט רייכער (אויף נאך א נייע וועג) נעמט ער אראפ פון דעם וואס ער האט געדארפט געבן אין דער צווייטער צדקה.

און ווי יעדער ענין [ווי גערעדט פריער, אז דער רבי דער נשיא באווארענט אז מען דארף באווארענען אז מען זאל זיך ניט אויסגליטשן פון גערעכטיקייט] האט מען אויף דערוף א ראי' אויך פון גמרא: די גמרא זאגט אז בא יעדערן איז קצוב וויפל צדקה ער וועט געבן במשך השנה, וכידוע דער סיפור אין ב"ב (י, א) אז ר' טרפון האט כופה געווען בני אחתי' און עס האט געפעלט דארטן אזוי-פיל און אזוי-פיל דינרים, האט מען דאס צוגענומען במקום אחד,

איז דערפון האבן זיי א הוכחה, אז במשך שנה זו דארף ער געבן אזוי-פיל און אזוי-פיל צדקה, ובמילא, בשעת ער איז זיך מתנדב אויף א נייעם קרן מוז בדרך ממילא פעלן אין סכום הצדקה וואס לולא זאת וואלט ער דאס אפגעגעבן אין אנדערע קרנות,

אבער בד"א, ווען דער נייער קרן וואלט ניט געהאט קיין שייכות צו ר"ה, וואס דעמולט (מר"ה ועד יוהכ"פ) פסק'נט מען אפ כל עניני האדם, און אויך די סכומים וואס ער דארף געבן אויף צדקה. אויב מען זאל אבער זאגן אז אין יענע טעג איז שוין געווען למעלה דער ענין פון דעם נייער קרן [וואס דאס איז דאך א הכרח, וויבאלד אז אין ר"ה זיינען נכלל כל עניני השנה], איז דאך אויך נכלל געווארן אז ער זאל געבן א נייע צדקה און דאס זאל ניט אנרירן די אנדערע צדקות.

און דאס איז ניט וואס ער איז מצמצם און דערפאר קומט צו אין א אנדער קרן של צדקה, נאר דאס איז ע"ד ווי דער סיפור מיט בני אחתי' דר' טרפון, אז בשעת זיי האבן ניט דערגעבן האט מען דאס צוגענומען ר"ל - "ונוגשיך צדקה",

ובפרט אז מען האט מלכתחלה אפגערעדט (בשעת עס האט זיך גערעדט וועגן דעם קרן פון מאה וחמשים) אז דאס זאל זיין בתור הוספה אויף די צדקות שהי' נותן בלא"ה, און מען האט דאס ניט נאר אפגערעדט בע"פ,

נאר דאס איז אויך געווען אין דער ההועדות פון ח"י אלול, און דער-נאך האט מען דאס אויך אפגעדרוקט, אז סיי די שיעורים אין לימוד און סיי די השתתפות בצדקה, דארף זיין אין א אופן של הוספה, אבער ניט ח"ו אראפנעמען ערגעץ וואו -

בנוגע צו "קרן תורה", איז ווי גערעדט כמה פעמים, אז תורה, מצד דערזיף וואס נעלמה מעין כל חי, "ואהי׳ אצלו אמון ואהי׳ שעשועים" (משלי ח, ל), איז העכער פון השתלשלות, און ביז וואנעט אז [ווי עס שטייט אין ירושלמי - בכל אופן; און אין בבלי (מו"ק ט, ב) - נאר אויב דאס איז א מצוה שא"א לעשותה ע"י אחרים] "אפילו חפצי שמים לא ישוו בה", אז עס איז דא דער העכסטער ענין אין תורה וואס איז העכער אפילו פון מצות, וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אין לימוד התורה איז דאס בשעת מען לערנט ניט צוליב איזה תכלית שיהי׳, נאר מען לערנט צוליב תורה אליין.

וואס מען האט דעמולט גערעדט וואס עס שטייט (מכילתא בשלח טז,א. וראה בעה"ט שמות טז, א) אז "לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן", אז בכדי מען זאל קאנען לערנען תורה מיט מער הצלחה - לערנען תורה קאן מען אין וואס פאר א מעמד ומצב מען זאל ניט זיין, און ווי דער רמב"ם פסק׳נט אפ און דער אלטער רבי ברייינגט דאס אראפ אין הלכות ת"ת שלו אז אין וואס פאר א מעמד ומצב מען זאל ניט זיין איז מען מחויב אין לימוד התורה, אבער אז דער לימוד זאל זיין מיט מער הצלחה דארף מען אראפנעמען ענינים המבלבלים וכל עניני דאגות,

און דערפאר איז דא א קרן וואס פון דעם גיט מען די וואס לער-נען תורה אן קיין תכלית - אפילו לא לשם קבלת סמיכה וכיו"ב, מער-ניט צוליב האבן עטליכע שעה וואס זיי זיינען ממולא מיט תורה, און ווי ער זאגט אין תניא (פ"ה) - סיי אין א אופן פון מקיף, סיי אין א אופן פון מוקף, ביז וואנעט עס ווערט א "יחוד נפלא שאין יחוד כמוהו ולא כערכו נמצא כלל",

און דאס ווערט אנגערופן תורה סתם, אן קיינע אנדערע ענינים, און אפילו ניט עניני קדושה, און ווי גערעדט אמאל די מעלה פון לולב אפילו לגבי אתרוג (וואס דערפאר איז ער גבוה מכל המינים, און די ברכה מאכט מען "על נטילת לולב"), אז וויבאלד אז די מעלה מיוחדת פון תורה איז דער "יחוד נפלא" וואס ווערט דורך דעם, איז דער וואס גיט זיך איינגאנצן אפ מיט תורה (לולב) איז מער מי׳חד ווי דער וואס גיט זיך אפ סיי צו תורה סיי צו מצות (אתרוג), ווארום וויבאלד אז ער איז איבערגעגעבן ניט בלויז צו תורה אליין איז ער דאך צייטנווייז אין דעם אופן החיבור ווי דורך מצות, ניט אין דעם יחוד וואס דורך תורה, און דאס זאגט מען אז הגם אז לולב איז מערניט ווי איין ענין - תורה, אבער דאס איז מערניט ווי תורה, און עס זיינען ניטא קיינע ענינים צוגעלייגט דערצו, (ראה שיחת שמחת ביה"ש תשכ"ג, נדפס בלקו"ש ח"ד ע׳ 1159), און דאס איז אויך די דרגא פון לימוד התורה וואס אפילו "חפצי שמים לא ישוו בה".

וכדגיל אין די אלע מגביות וואס מען מאכט בימי התועדויות כאן, וועט יעדערער זיך מתנדב זיין כפי נדבת לבו הטהור, וכאמור לעיל: ניט אנדירן קיינע אנדערע קרנות, קיין נתינת צדקה לאיזה תכלית שיהי׳, און די וואס ווילן קענען צוצייכענען (צי אויף דעם צעטל צי אויף א צווייטן) שמם ושם אמם להזכירם על הציון,

און ווי אלע ענינים פון צדקה בתוככי כללות עניני תומ"צ, זאל דאס זיין מתוך שמחה וטוב לבב, וואס דעמולט וועט דאס מוסיף זיין צו אלעם ערשטן אין די נתינות, און דערנאך וועט דאס מוסיף זיין בברכת השם בכל המצטרך.

ז. עס איז דא אין דעם אלטן רבי'נס א מאמר אין מיטן א מאמר זאגט ער דארטן עטליכע קורצע שורות וואס הייבט זיך אן פון התחלת שורה, און שטעלט זיך דארט אויף "יפה שעה אחת בתשובה ומעש"ט בעוה"ז מכל חיי העוה"ב", און איז מבאר אז חיי העוה"ב נעמט זיך פון י"ה, משא"כ תשובה ומעש"ט (ובפרט מעש"ט) נעמען זיך פון עצמות, וואס דאס איז דער שרש ומקור אויף י"ה און אויף חכמה, און דערפאר איז "יפה שעה אחת בתשובה ומעש"ט בעוה"ז מכל חיי העוה"ב", וד"ל.

וואס בכללות איז דאס, דאס וואס ער זאגט אז חיי העוה"ב נעמט זיך פון י"ה איז דאס מיוסד אויף דעם מאמר רז"ל אין מנחות (כט, ב) אז ביו"ד נברא עוה"ב און בה"א נברא עוה"ז, וואס דערפון איז פאר-שטאנדיק, אז חיי העוה"ב נעמט זיך פון יו"ד פון שם הוי'.

אבער דאס וואס תשובה ומעש"ט (ובפרט מעש"ט) זיינען נאך העכער פון יו"ד פון שם הוי' איז לכאורה ניט פארשטאנדיק: ווי קאן בכלל זיין העכער פון שם הוי'? וואס אין די עשר שמות קדושות אדער שבעה שמות שאינם נמחקים ווערט דאך שם הוי' אנגערופן שם העצם און שם המפורש און שם המיוחד כו' מיט אלע תוארים וועלכע עס שטייט אויף דעם, איז וואס איז שייכות זאגן נאך העכער פון שם הוי', און נאך העכער פון דעם ערשטן אות פון שם הוי'?

נאר דאס איז ע"ד ווי גערעדט פריער, אז ס'איז דא א איד וואס האלט מעדניט ווי בא מודה אני, וואס דעמולט טאר ער ניט דערמאנען קיין שם, אפילו ניט שם הוי', און פאר דעם אידן האט מען שוין אויך א עבודה - די עבודה פון מודה אני, ואדרבה: מען איז נאך מסביר אז די אלע עבודות לאחרי זה [וואס עיקרם איז דאך עבודת התפלה, וואס דאס איז די נקודה פון עבודה, וכמא' עבודה שבלב זו תפלה], באשטייען אין פאנאנדערפירן די נקודה איבער דעם גאנצן אידן,

און דאס איז דעמולט ווען ער קאן ניט זאגן קיין שם הוי', דערפאר וואס ער איז ניט קיין געוואשענער, וואס לכאורה איז דאס דערפאר וואס ער איז נידעריקער דערפון, ובמילא טאר ער דאס ניט זאגן; אבער וויבאלד אז עבודת כל היום כולו באשטייט אין פאנאנדער-טראגן די נקודה וואס ער האט קודם שנטל את ידיו, ווען ער האלט בא מודה אני, איז א סימן אז דאס איז שני קצוות: פון איין זייט טאר ער ניט זאגן קיין שם קדוש, ועאכו"כ ניט לערנען תורה; אבער לאידך גיסא איז דוקא דעמולט שטייט בא עם בגלוי די נקודה, וואס דערנאך ווערט די נתעלם דערפאר וואס זי ווערט פאנאנדערגעפירט איבער זיין גאנצע מציאות.

וואס דאס איז אויך בכללות וואס דער אלטער רבי איז מפרש אויף "ומשה הי' ענו מכל האדם אשר על פני האדמה" (בהעלותך יב, ג), אז משה האט זיך איינגעקוקט אין דעם דרא דעקבתא דמשיחא, און האט געזען ווי אזוי זיי זיינען בבחינת עקביים, וואס דאס איז שלילת השכל לגמרי וואס געפינט זיך בכלל בראש, ועאכו"כ ווי שכל איז געווען בא משה רבינו וואס ער איז דאך געווען דער מקבל ראשון וואס ענינו איז עצמות החכמה, כמבואר ומדובר לעיל, און דוקא בא זיי איז דא מס"נ מערער ווי אין די פריערדיקע דורות, האט דאס בא עם גע'פועל'ט אז ער זאל זיין א ענו פאר דרא דעקבתא דמשיחא, פאר די וואס ווערן אנגערופן בשם רגל,

און עס שטייט אויף דערויף דער ביאור (ראה ספה"מ תש"ט ע׳ 119 ואילך. ועוד), אז דאס איז בדוגמא ווי מען זעט אז אריינשטעקן די פוס אין הייסע וואסער איז לייכטער ווי אריינשטעקן די קאפ, וואס אפילו אז מען ווייס אז דאס איז א ענין של רפואה ותועלת, איז לייכטער צו פועל׳ן אריינשטעקן די פוס ווי די קאפ, און דאס איז א רמז, אז דער וואס איז דורך געװומען מיט שכל איז עס שווערער צוצו-קומען צו מס"נ ווי אנשים פשוטים, וואס זיי זיינען לכתחלה איינגע-שטעלט אז צו הבנה והשגה האט מען קיין שייכות ניט, נאר מען דארף פאלגן,

ועד"ז, איז ביחד עם החסרון וואס ער איז קודם שלמד תורה, וואס דאס איז ווי ער האלט מערניט ווי בא מודה אני, איז לייכטער בא עם פועל׳ן דעם ענין פון מס"נ ווי בא דעם וואס האט קשיות פון קדושה, וואס דערפון קאן דערנאך נשתלשל ווערן קשיות דלעו"ז.

וואס דאס איז אויך וואס מ׳זאגט "לא ברכו בתורה תחלה" (נדרים פא, א), וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: תורה אליין איז דאך א חכמה עמוקה, און אין ברכת התורה איז ניט שייכות קיין הבנה והשגות עמוקות, ביז וואנעט אז א עם הארץ מאכט ברכת התורה, און מען דארף ענטפערן אמן, און עס איז ניט קיין ברכה לבטלה ח"ו, וואס אע"פ וואס "לא ידע מאי קאמר" [ ניט ווי די גמרא איז מסביר אין ע"ז (ד, א) אז דאס איז א ענין פון הבנה והשגה מיט עפעס א ברייטקייט, נאר "לא ידע מאי קאמר" כפשוטו ], איז פונדעסטוועגן איז ער מחוייב בעלי׳ בתורה לכה"פ פעם אחת בשנה בשמח"ת, און במילא ליגט אויף עם א חיוב ער זאל זאגן ברכת התורה,

איז אויף דערויף זאגט מען אז דער "ברכו בתורה תחלה" האט געקאנט באווארענען אז דער ביהמ"ק זאל שטיין עד היום הזה, און אע"פ וואס עסקו בתורה הרבה, האט דאס ניט באווארענט דעם ענין פון ביהמ"ק,

וואס דאס איז בכללות, אז עס הייבט זיך אן פון די נקודה - אן הבנה והשגה; און דערנאך באשטייט דער גאנצער ענין אין פאנאנדער-פירן פון נותן התורה בכל התורה כולה,

וואס דאס איז אויך וואס מען האט שוין אמאל גערעדט (ראה שיחת חג השבועות תשכ"א), אז כל התורה כולה, אע"פ וואס עס איז פאנאנדער-געטיילט אין ששה סדרים און "ששים המה מלכות ושמונים פלגשים ועלמות אין מספר" (שה"ש ו, ח), איז דאס כולו ענין אחד (ווי ער זאגט אין תוספתא (סנהדרין פ"ז, ב)), וואס דאס איז דערפאר וואס דער עיקר און דער פנימיות פון תורה איז דארט וואו מען קען ניט פאנאנדערטיילן, און אין איין נקודה געפינט מען די גאנצע תורה.

וואס דאס איז אויך וואס עס שטייט אין זהר (וואס מען זאגט דאס ווען מען פארט אויפ׳ן ציון, און בפרט אין יום ההילולא), אז עס איז געווען א תורה פסולה דערפאר וואס ס׳איז געווען א וא"ו יתיר אין "ושוסעת שסע שתי פרסות" (דברים יד, ו), וואס לכאורה איז שווער צו זאגן אין דין אז דאס איז א תורה פסולה, סיידן עס פעלט אין א ארט וואו ס׳איז משנה את הפשט ואת הפירוש וכו׳? אבער עס איז דא דער ענין פון פנימיות שבתורה, וואס דארט איז קיין חילוק ניט פון דער אות צו דער אות, און אלע אותיות זיינען צוזאמען איין אות - דער ערשטער אות פון "אנכי ה׳ אלקיך",

און דאס איז אויך וואס מתן תורה (וואס האט זיך אנגעהויבן פון עשה"ד) האט זיך אנגעהויבן ניט פון הוי׳, נאר פון אנכי, וואס

הנחת הת׳ בלתי מוגה

דאס איז נאך פאר הוי׳, ע״ד ווי די נקודה איז פאר לימוד התורה וקיום המצות, וואס דערפאר איז אנכי ניט פון די עשר שמות הקדושות, און אנכי קאן מען זאגן אפי׳ ווען ער האלט נאך פאר נעגל וואסער, און דער אנכי שטייט פאר הוי׳,

ביז וואנעט אז דאס איז נאך ווייניק, און ווי ער זאגט אין מאמר אין דעם היינטיגן סעיף, אז עס איז דא די ירידה למטה עד אין תכלית, ביז וואנעט עס קומט צו מצרים, צו פרעה, אז פון "ויברך יעקב את פרעה" איז געווארן דער "יעוז בהותו", ביז "לי יאורי ואני עשי־תיני", איז דערפון פארשטאנדיק אז דער תיקון דערלאנגט דארט וואו עס איז העכער פון גאנץ סדר השתלשלות, און העכער אפילו פון הוי׳, דוקא אין אנכי,

וואס דערפאר שטייט אין מדרש (תנחומא - באבער - יתרו טז) א מאדנעס ווארט, אז אנכי איז לשון מצרי. וואס לכאו׳ - בשעת עס רעדט זיך וועגן מ״ת, און וועגן עשה״ד, און וועגן דעם ערשטן דיבור, און וועגן דעם ערשטן ווארט, באשטייט דאס פון לשון מצרי?

נאר ווי קאן זיין אזא מציאות דא למטה, איז דאס דערפאר וואס דער יש הנברא נעמט זיך פון יש האמיתי, און דערפאר איז פון דעם לשון מצרי, ע״י אתהפכא חשוכא לנהורא, דא קומט ארויס וואס איז העכער פון הוי׳, און דאס קומט ארויס אין אנכי, וואס דאס איז נאך העכער. (ראה שיחת ש״פ וארא תשכ״ב, נדפס בלקו״ש ח״ג ע׳ 892).

וואס בכללות אין עבודת האדם איז דאס כאמור לעיל: עס איז ניט נוגע הבנה והשגה - דאס קומט דערנאך; און ראשית העבודה ושרשה איז קב״ע, דער "שום תשים עליך מלך", דער מלך חי וקים, וואס דאס קומט בשעת ער האט נאך קיין שייכות ניט מיט שם הוי׳, ובמילא טאר ער דאס ניט זאגן.

וואס דאס איז אויך וואס ער זאגט אין די תורה פון אלטן רבי׳ן, אז עס זיינען דא ענינים וואס נעמען זיך פון שם הוי׳, וואס דאס איז כללות סדר השתלשלות, און דערנאך איז דא תחלת שם הוי׳ וואס דאס איז דער יו״ד - ביו״ד נברא העוה״ב, וואס דאס איז חיי העוה״ב, אבער דער־נאך זיינען דא ענינים וואס זיינען העכער (יפה) מכל חיי העוה״ב, און ער איז מבאר אז דאס איז דער ענין פון מעשה, וואס מעשה איז דוקא אין עולם העשי׳, וואס דוקא דאס ווערט אנגערופן בשם מצרים, און ווי ער זאגט אין מדרש (און אראפגעבראכט בכ״מ אין מאמרים) אז "כל הגליות נקראו ע״ש מצרים" (ויק״ר פ״ג, ה).

און דאס איז אויך וואס מען איז מסביר, אז מתוך מיצר ועקתא - ניט ער לערנט תורה כדי צו באקומען סמיכה; ניט ער לערנט תורה מצד איזה טעם שיהי׳, נאר ער לערנט תורה דערפאר וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם נותן התורה, וואס דער לימוד ברענגט דערנאך אז "חפצי שמים לא ישוו בה", אז יפה שעה אחת בתורה אפילו פון חפצי שמים, זאל דאס דערנאך נמשך ווערן אין "גדול תלמוד שמביא לידי מעשה", ביז אין א אופן וואס המעשה הוא העיקר, וואס דאס איז נאך העכער פון חיי העוה״ב,

וואס דאס וועט נתגלה ווערן ווען עס וועט זיין וראו כל בשר דוקא, ניט דער ענין פון נפש און נשמה און ניט דער ענין פון נפה״א, נאר דוקא בשר, און ווי גערעדט אז אנכי איז לשון מצרי און דאס שטייט אין עשה״ד בתחלתו אפילו פאר שם הוי׳, אבער דאס טאר ניט בלייבן אין אנכי נאר עס דארף נמשך ווערן אין הוי׳, און דער הוי׳ דארף ווערן אלקיך - כחך וחיותך, און דאס דארף אראפקומען אין עשה״ד און אין

תרי"ג מצות, ביז אין דקדוק קל של ד"ס וכל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, וואס דאס איז מען אלץ מאחד און מייחד און עס ווערט "ישראל אורייתא וקוב"ה כולא חד".

(צוה לנגן אין אדיר).

ח. מען האט דאך גערעדט כמה פעמים (און בפרט וואס דאס איז פארבונדן מיט היינטיגער סדרה - "ותען להם מרים") בנוגע די מעלה פון נשי ובנות ישראל. וואס עס שטייט (סוטה יא, ב) אז "בזכות נשים צדקניות של אותו הדור נגאלו אבותינו מארץ מצרים", און אזוי איז דאך "כימי צאתך מארם"צ אראנו נפלאות", אין דער גאולה העתידה.

וואס דערפאר האט מען דאך געזען אין דער ארבעט פון נשיאינו, דער בעל הילולא, אז ער האט געלייגט א השתדלות אויף נשי ובנות ישראל, וכידוע אז נאך זייענדיק אין דיגא, וואס דארט איז געווען תחנה הרא-שונה בצאתו פון יענע מדינה, האט ער אויך איינגעפירט א כתה פון בנות וואס זיי האבן אנגעהויבן לערנען חסידות, און דערנאך איז דאס אזוי אוועקגעגאנגען במשך השנים שלאחרי זה אין א אופן פון מוסיף והולך מוסיף ואור, און ווי דער רבי האט אמאל געזאגט אז ער גיט ארויס די לקו"ד אויף אידיש כדי אז דאס זאל צוקומען ניט נאר צו די אנשים וואס קענען ניט קיין להק"ק, נאר עס זאל אויך צוקומען צו די נשים ובנות.

וכאמור לעיל, אז ווען עס וואקסט אויס פון א גרעין תבואות ופירות, איז וואס עס גייט דורך מערער צייט קומט ארויס א פרי נעלה וחשובה ביותר, וואס דערפאר דארף מען האבן אויף די פרי א סאך מער צייט ווי אויף א פרי פשוטה, וואס דאס איז דאך בכללות דער חילוק צווישן תבואה און פירות, און אין פירות גופא ביז תכלית השלימות, "צדיק כתמר יפרח",

איז דערפון אויך פארשטאנדיק, אז אין דעם ענין איז דא א עילוי מיוחד און א מעלה מיוחדת וואס דאס איז ניטא אפילו אין די ענינים (ווי מ'האט גערעדט פריער) וואס מען האט זיך משתדל געווען עס זאל צוקומען צו אנשים פשוטים.

וכאמור כמה פעמים: ניט דערפאר וואס זיי געפינען זיך למטה ח"ו, נאר אדרבה: דערפאר וואס דארט איז דא א חשיבות מיוחדת, און ע"ד ווי עס איז געווען בא גלות וגאולת מצרים, ווי די גמרא טייטשט (סוטה שם) אויף "זה א-לי ואנוהו" אז "הם הכירוהו תחלה", דאס איז געווען ניט די זקני ישראל, נאר דוקא די תינוקות וואס זיינען נתגדל געווארן און אויפגעהאדעוועט געווארן אין מצרים, דורך די השתדלות פון די נשים צדקניות, וואס זיי האבן אויפגעשטעלט דעם "זרע ברך ה'",

וואס זיי האבן זיך ניט דערשראקן וואס מען געפינט זיך אין א מדינה וואו ס'איז דא א גזירה פון "כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו", אז מען דארף מיט גיין מיט'ן שטראם און מיט'ן זרם פון דער מדינה, פון דעם יאור וואס שפייזט די מדינה (וכמבואר אין א פריערדיקע התועדות בארוכה), וואס עס זיינען דאך געווען אזוינע וואס זיי האט ניט געהארט די גזירה; און עס זיינען געווען אזוינע פרומע וואס האבן געהאלטן אז עס דארף זיין פירש מאשתו, און דוקא די נשים צדק-ניות האבן ניט אנגענומעןביידע שיטות, ניט ח"ו מיט גיין מיט דער גזירה, און ניט ח"ו אפזאגן זיך פון טאן אין וועלט, און האבן אויפ-געשטעלט פון אידן צבאות השם, און בזכותם דוקא איז "נגאלו אבותינו (אפילו די זקני ישראל) ממצרים".

און דאס איז אויך דער לימוד בימים אלו, אז עס טאר ניט זיין די צווייי ענינים, וואס אמת טאקע: עלה ברצוננו אז מען זאל שטיין אין דעם נסיון פון עשירות, אז מען זאגט אז עס זאל זיין "היאורה תשליכוהו", און דוקא דעמולט וועט ער ווערן א ארם חשוב אין גאנץ מצרים, ווארום ער וועט זיך פארבונדן מיט דעם יאור וואס דאס איז דער מקור הפרנסה אויף וועלכע עס הייננט אפ דער גאנצער טוב פון מצרים, איז אבער ניט די עצה אנטלויפן פון וועלט און איינשליסן זיך אין די אייגענע ד' אמות, און וועלט איז אפשר שיתקיים ע"י אחרים,

ועאכו"כ אז עס איז ניט די שיטה פון אחרי רבים להטות אז וואס קען מען טאן אז "אמעריקא איז אנדערש", האט דער בעל ההילולא מלכתחלה שולל געווען די גאנצע שיטה, און געזאגט אז עס איז דער זעלבער אויבער-שטער און די זעלבע תורה און די זעלבע מצות, און געזאגט אז עס קאן זיין אז דא דארף מען האבן א נייער אופן פון מס"נ - מתוך עושר,

און דאס איז בהמשך צו דעם וואס מ'האט גערעדט פריער, אז עס איז דא דער ענין פון לימוד התורה אפילו ניט לשם קבלת סמיכות, וואס אזוי בשעת מען פועל'ט שוין בא א פאטער און ביי א מוטער אז זיי זאלן שיקן דעם קינד אין ישיבה, טענה'ט מען אז זאל ער לכה"פ האבן תכלית אין דער ישיבה, איז במילא טענה'ט מען אז וויינקסטנס זאל ער האבן תכלית פון זיין לימוד התורה, אז דאס זאל עם געבן א ארט צווישן מענטשן,

איז די וואס זיינען אין א דרגא נמוכה פארלאנגען אז מען זאל וויסן וויפל "ווייידזשעס" ער וועט באקומען וועט ער וועט פארענדיקן לימודו בתורה, און די וואס זיינען אין א דרגא גבוה יותר ווילן לכה"פ אז מען זאל זיך צאצקען מיט'ן תלמיד, אז בכל מקום זאל מען עס אוועק-זעצן אויבן אן און זאגן אז אט גייט א עילוי בתורה,

און דא זאגט מען אז אפילו דאס טויג ניט, ווי דער רבי נ"ע ברייננט בארוכה אין קונטרס עץ החיים די הקדמה פון רח"ו צו שער ההקדמות פון אדיז"ל, מיוסד אויף דברי הזהר, אז דאס איז דער ענין פון דור הפלגה, פון "ונעשה לנו שם", אז דאס איז ניט א ענין פון קרדום לחתוך בה <u>כפשוטו</u> נאר ע"מ שיתקרי רבי, און ע"מ שיתקרי גדול, און ע"מ שיתקרי עילוי, און דאס איז "היאורה תשליכוהו" אין עניני קדושה גופא,

איז אמת טאקע: תחלת העבודה איז ווי דער רמב"ם איז מבאר אין פיה"מ (סנהדרין פרק חלק מ"א ד"ה וכת השמית) אויף צוזאגן עם ממון וכו' וכו' ווי ער רעכנט דארט אויס די אלע דרגות, און פסק'נט דאס אפ אין הלכות תשובה (פ"י ה"ה), אבער מען דארף וויסן אז דער ר תכלית פון תורה און דער תכלית פון א אידן איז אז עס זאל זיין דער לימוד התורה ניט אין א אופן פון "ונעשה לנו שם", א דור הפלגה'דיגער שם,

ווארום דאס איז אויך געזאגט געווארן ניט נאר פאר אידן וואס זיינען געווען דוקא אין מצרים נאר כל המלכיות ע"ש מצרים נקראו ביז אין דעם מלכות הרביעית וואס דאס איז די מלכות עתה. וואס אין דערויף איז אויך דער סדר פון די נשים צדקניות, אז אע"פ וואס דער רמב"ם שרייבט דארטן דער דרך העבודה לנשים, איז דאס אבער אלץ בתחלת העבודה. אבער דערנאך גייט מען מחיל אל חיל ביז מען קומט צו דער דרגא אז זיי איז גאר קיין נפק"מ ניט אין וואס עס באשטייט גזירת פרעה (כאטש אפילו ער איז געווען דער מושל ושולט על כל העולם כולו, ווי ער זאגט אין מדרש (מכילתא לבשלח יד, ה. וראה זח"ב ו, א)), ועאכו"כ אז עס איז ניט קיין נפק"מ וואס עס זאגט די שכנ'טע,



הנחת הת' בלתי מוגה

און מען גיט זיך אפ אויף אויפשטעלן אזוינע קינדער, אז בשעת מען וועט קומען צו קרי"ס פון דער איצטיגער גאולה - "בנהר יעברו ברגל", זאלן דעמולט די קינדער זיין צוגעגרייט צו "שם נשמחה בו" - בעצמותו, אז עס וועט זיין די שמחה פון "הם הכירוהו תחלה" - "זה א-לי ואנוהו",

און ניט נאר ווי עס איז געווען בא יצי"מ - מעדניס ווי איין מאל "זה", נאר עס וועט זיין "זה" שני פעמים, ע"ד ווי די גאנצע עבודה איז איין אן אופן פון כפלים לתושי', ניט נאר מאכן אז פון קדושה זאל בלייבן קדושה, נאר אויך מאכן פון וועלט קדושה, וואס אין דערוף באשטייט דאך אויך די עבודה פון "עזר כנגדו", אז פון דעם "כנגדו" זאל מען מאכן "עזר", פון דעם לשון מצרי זאל מען מאכן דעם אנכי, וואס דאס איז די התחלה פון עשה"ד.

וואס אזוי איז אויך בעבודתו הפרטית של כאו"א בביתו, איז דאס איז דער תפקיד פון נשים צדקניות שבאותו הדור, אויף איינוואַרצלען די מחשבה אין זייערע קינדער אז זיי זאלן וויסן אז טוב סחרה מכל סחורה, אז תורה איז גוט מצד זיך אליין, ניט דערפאר וואס יענער וועט פאטשען אין פלייצע און זאגן אז דו ביסט א גוטער תלמיד, און נאך העכער - דו ביסט א למדן וכו' וכו', נאר דאס איז דער עניין פון תורה וואס איז העכער אפילו פון חפצי שמים, און וואס דוקא דורך דעם פאר-בינדט מען זיך מיט קוב"ה אין אן אופן פון "כולא חד", וכמבואר אין די פריערדיגע מאמרים אין דעם המשך, אז דאס איז אפילו אין לימוד נגלה (חיצוניות דתורה), כמובן ומבואר בזה, און אפילו אין לימוד פון קמ"ץ אל"ף א, וואס דאס איז דער קמ"ץ אל"ף פון "אנכי", פון התאחדות מיט'ן אויבערשטן, אויב נאר מען לערנט כדי עס זאל זיין א נח"ד לו יתברך.

און אז מען וועט גיין אויף דעם וועג, איז דאס בריינגט צו דער גאולה העתידה לבוא בקרוב ממש, און ווי עס איז דעמולט געווען - "ובנ"י יוצאים ביד רמה", זאל דאס אזוי זיין אויך איצטער, ניט דורך בעטן א הסכמה בא גוים און ניט גיין אין א אופן פון צעד אחר צעד, ביסלעכווייז, "מה אילת השחר מפציע" אזוי איז אויך "גאולתן של ישראל" (ירושלמי יומא פ"ג ה"ב), נאר ווי ער זאגט אין זהר אז די גאולה העתידה וועט זיין אין א אופן פון "נסים וגבורה",

און ווי דער רמב"ם פסק'נט אפ אין הלכות מלכים (פי"א) מיט א פשיטות, אז יבוא איש וואס ער וועט זיין א הוגה בתושב"כ ותושבע"פ "כדוד אביו", און וועט זיך ניט באנוגענען מיט זיך און וועט ניט שטעלן אויף "וואוטס" צי וויל מען אננעמען דעם שו"ע צי ניט, נאר "ויכוף כל ישראל לילך בה" - ער וועט נייטן אלע אידן אז זיי זאלן לערנען תורה און מקיים זיין מצות, און דעמולט אויב "עשה והצליח" און דערנאך איז "ובנה ביהמ"ק" און ערשט דערנאך "וקבץ נדחי ישראל", איז דאס דער סימן פון "משיח בודאי",

וואס דעמולט וועט זיין ווי ער איז דארט מסיים אין דער הלכה אין רמב"ם "יתקן כל העולם כולו לעבוד את ה' ביחד, שנאמר כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה גו' ולעבדו שכם אחד".

ט. בכלל איז דאך דא דער סדר אז איש כל הישר בעיניו יעשה. איז בכלל איז דא די הכרזה מתמיד ולעולם, אז מ'קען ניט זיין קיין אחראי פאר יעדערן ווי ער פירט זיך, אע"פ וואס עס איז דאך דא "הוכח תוכיח

אה עמיתך", און "כל ישראל ערבים זה בזה" (שבועות לט, א), איז
אעפ"כ איז דאך יעדער ענין מיט הגבלה, אפילו דער ענין אויך.

ביז וואנעט אז אויף יעדער ענין איז דאך געשמאק אז מען האט
א הוראה פון נשיא דער שווער, האט דער שווער אמאל דערציילט, אז עס
זיינען געווען געוויסע הנהגות אין ביהכנ"ס פון ליובאוויטש וואס
דער רבי נ"ע (דער פאטער זיינער) איז געווען ניט אין חו"ל, נאר אין
ליובאוויטש, אין ביהכנ"ס, און דאס איז געווען שלא לפי רוחו, נאר
וואס דען - ער איז ניט געווען אחראי לזה. לכאורה - וואס האט דער
רבי געדארפט דערציילן אזא ענין? איז א סימן אז דאס קען טרעפן אין
תשכ"ג אויך.

נאר אזוי ווי מען איז דאך מחויב געבן א מחאה, האט געטראפן
אינדערפרי אין מיין עלי', א זאך וואס איז היפך הדין, און אזוי ווי
מען קען דאך דערפון גיין און אפלערנען אז דאס איז בהסכמתי און
בהסכמת השו"ע וכו', מוז איך באווארענען אז דאס איז מערניט
ווי איש הישר בעיניו, און קיינע חשבונות.

ובהקדם: ווען דער רבי דער בעל ההילולא
איז צוריק געקומען פון ארעסט אין קאסטראמא, אין לענינגראד (פעטער-
בורג) און בא ברכת הגומל איז דאך דער דין (הל' ברה"נ פי"ג ה"ה) אז
עס דארף זיין עד שיחזור לבוריו, איז דערפאר האט ער ניט געמאכט די
ברכת הגומל אין קאסטראמא אע"פ וואס די ידיעת השחרור איז צו עם אנגע-
קומען דארטן, און האט געווארט ביז ער איז געקומען אין לענינגראד,
וואס ער איז געווען צוריק בביתו.

דער סדר איז דאך געווען אז ער פלעגט עולה זיין לתורה מפטיר,
וואס אין מפטיר איז דאך דא דער סדר פון ברכת הפטרה און לפני זה
ברכות התורה, וואס די אלע ברכות האבן צווישן זיך א שייכות און
האבן א מספר מסוים. האט מען דעמולט אוועקגעזעצט עטליכע רבנים אז
זיי זאלן מעיין זיין דעם דין ווען זאל דער רבי בענטשן ברכת הגומל,
וואס אזוי איז דאך דער סדר ביי ברכת גומל אז מען איז עולה לתורה,
און נאך די ברכה שלאחרי' - שעל התורה - זאגט מען ברכת גומל. אבער
וויבאלד אז דער רבי איז עולה לתורה צו מפטיר, און גלייך נאך ברכת
התורה דארף זיין ברכת מפטיר, וואס דאס האט א שייכות צו ברכת התורה,
דערפאר וואס דאס גייט אין דעם זעלבן מספר, איז געווען די שאלה ווען
זאל ער בענטשן גומל.

איז דעמולט געווען כו"כ סברות [איין סברא איז געווען אז
אפשר זאל ער עולה זיין א אנדער עלי' - ניט מפטיר נאר שלישי, כדי
די רבנים זאלן ניט דארפן מעיין זיין אין או"ח, וואס דאס איז דאך
יסודים גדולים, ובפרט נאך א דין וואס מען דארף זוכן אין אחרונים.
דערנאך אז מ'האט דאס שולל געווען בתכלית, אז דער רבי איז עולה
לתורה צו מפטיר, איז געווען כמה סברות]: א) אפשר וועט ער בענטשן
גומל פאר ברכת התורה; ב) אפשר וועט ער בענטשן גומל נאך מפטיר;
ג) אפשר וועט ער בענטשן גומל צווישן ברכת התורה (שלאחרי') און
ברכת מפטיר. איך געדענק איצטער ניט ווי עס איז געווען די מעשה
בפועל, איך דערצייל דאס בנוגע לעניינינו וואס היינט איז געטראפן,

וואס דער גאנצער ענין האט א ארט ווען עס רעדט זיך וועגן ברכת
הגומל וואס ער איז עולה לתורה, וואס מנהג העולם איז אז מען מאכט
ברכת הגומל בקשר עם עלי' לתורה, איז די שאלה צי מאכן דאס פריער
צי שפעטער כו', אבער בשעת א צווייטער איז עולה לתורה, וואס בכלל

איז דאך דער קדיש וואס מען זאגט לאחרי קרה"ת זאגט מען דאס על הקריאה בתורה, און דעדפאר איז דאך דא כמה ענינים וואס מען איז זיך משתדל שלא להפסיק צווישן קרה"ת מיט קדיש, און גלייך נאך די ברכת התורה זאגט מען קדיש, וואס דערפאר אז מען דארף מאכן א מי שבירך וכיו"ב לאזט מען דאס אויף נאך קדיש, ועאכו"כ אז עס רעדט זיך וועגן ברכת הגומל פון א צווייטן, וואס לכאורה איז דאך ממ"נ - קאנסט עולה לתורה זיין פאר זיך, בכלל איז דער ענין פון גומל בעשרה ושנים מהם תלמידי חכמים (שם ה"ב), און במילא קאן דאס זיין בהגבה ובגלילה און סתם בא א מנין, בשעת דו ווילסט אבער פארט א עלי' לתורה, קאנסט זיך אויסקלייבן נאך'ן כהן, וואס עס איז דערנאך ניטא קיין קדיש בלא"ה, און וואס דארף מען אז מען זאל דערנאך פסק'נען אז צווישן ברכות שעל התורה און קדיש על קריאתו זו דארף א צווייטער בענטשן ברכת גומל.

וואלט דאס געווען איך א צווייטנס עלי', וואלט איך דאס אויך געדארפט באווארענען, דערפאר וואס דאס איז דער מנין וואו איך האב געדאווענט, ועאכו"כ אז דאס איז געווען איך מיין עלי', בין איך מודיע לכתחלה אז דאס איז געווען שלא בידיעתי ושלא בהסכמתי,

און ווי עס ווייזט אויס, איז עס געווען שלא בידיעה פון דעם וואס האט געבענטשט ברכת גומל אויך, עס איז געווען פון "עמא פזיזא דקדמיתו פומייכו לאודנייכו",

ובנוגע אלינו, אז די אלע הכרזות וואס אנדערע מאכן בין איך ניט קיין אחראי און איר זיינט קיין אחראים ניט, און ווי געזאגט פריער, אז דער וואס האט געמאכט די הכרזה איז אויך ניט קיין אחראי אויף דערויף.

י. עס איז דא א דין אין גמרא (ראה חולין פג, א) אז מען קאן ניט מכריח זיין דעם טבח אז ער זאל קוילען סיידן אז עס וועט זיין געגנוג קונים אויף אפצוקויפן דעם גאנצן בשר, חוץ פון זמנים קבועים בשנה, וואס מצד דערויף וואס דעמולט איז א מצוה באכילת בשר קאן מען מכריח זיין דעם טבח אז ער זאל קוילען אפילו צוליב עטליכע אויך.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז וואס די שטאט האט מערער אוכלי בשר איז אלץ מער האבן דארט די שוחטים וואס צו טאן, וואס אזוי איז דאס אין חו"ל און אזוי איז דאס אין א"י,

וואס אין א"י איז די עיר היותר גדולה (בכמות, ניט אריינגייענדיק אין די עשר קדושות) - ת"א, וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז וויבאלד אז דארט איז די גרעסטע כמות פון אידן איז דארט אויך די גרעסטע כמות פון שוחטים, וואס בא א שוחט באשטייט דאך כמות ווי דער דין אין פוסקים אז ער דארף זיין א ירא שמים ברבים, איז דאס איז די גרעסטע יר"ש ברבים וואס עס איז דא צווישן די שוחטים אין א"י, וואס אויב דאס איז אזוי בא די שוחטים, איז עאכו"כ אז עס דארף אזוי זיין בא דעם ראש השוחטים.

אזוי ווי בא שחיטה שטייט דאך (ביצה מ, א) אז כדי עס זאל ניט זיין קיין סירכות און כדי אז מען זאל קאנען אפטיילען דעם בשר מן העור, דארף מען פריער זאגן לחיים, טרינקען משקה, איז דא איז דא דער ראש השוחטים, זאל ער דאס מקיים זיין, ולא יצא מכשול מתחת כל אלו וואס זיי זיינען אין אגודת השוחטים,

הנחת הת' בלתי מוגה

און עס זאל זיין ווי די גמרא פסק'נט אפ (חולין ל, ב) אז "אין ושחט אלא ומשך", אז דורך דער שחיטה פירט מען אריבער אז די זאך ווערט אין א אופן אז ער קאן ווערן דם ובשר כבשרו, פון דעם אדם האוכל, וואס דאס גייט דאך אויף א אידן - "אתם קרוים אדם", וואס בשעת די שחיטה איז א שחיטה כשרה ווערט דער בשר דם ובשר כבשרו וואס דאס איז מוסיף אין לימוד התורה און קיום המצות, וכידוע די ראי' פון דעם וואס ער זאגט (ב"ק עב, א) אז "עד דלא אכילנא בשרא דתורא" האט עס געפעלט אין הבנת והשגת התורה,

און דערפון זאל מען גיין צו דער צייט ווען עס וועט זיין א שחיטה כשרה אין א אנדער אופן, וואס לעתיד לבוא איז "הקב"ה עושה קניגיא" צווישן שור הבר - וואס שוחטו בסנפירו, דערפאר וואס "תורה חדשה מאתי תצא", וכדאיתא במדרש (ויק"ר פי"ג, וראה ג"כ ב"ב עד, ב) וכמבואר בארוכה אין די דרושים פון דעם אלטן רבי'ן און מיטעלן רבי'ן אויף דעם מאמר חז"ל,

וואס דאס וועט זיין בא דער סעודה העתידה לבוא בביאת משיח צדקנו, וואס "ועמך כולם צדיקים", וועלן זיי זוכה זיין און נהנה זיין בסעודה זו ביין המשומר בענביו, וואס דאס גייט אויף פנימיות התורה, ע"י ההכנה פון לימוד פנימיות התורה איצטער, וואס דורך הפצת המעיינות איצטער, ביז דאס וועט אנקומען אין חוצה - אויך צו די וואס זיינען ניט פון זרע אדם נאר וזרעתי את בית ישראל אויך זרע בהמה (ירמי' לא, כו), זאל בא זיי אויך זיין דער "ומשך", אז עס זאל ווערן זרע אדם, בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

(צוה לנגן ניגון מאדמו"ר מהר"ש).

יא. אזוי איז דאך דער סדר (כסגנון הכתוב) פון אעלה על ראש שמחתי, וואס בהנוגע צום בעל ההילולא איז דאס די אידן וואס געפינען זיך אין יענע מדינה, וואס דארט איז דאך געווען התחלת הנשיאות, וואס נעוץ תחב"ס וסופן בתחלתן, איז אזוי אויך ווייס מען אז במשך עמלתו אשר עמל כל ימי חייו איז בכל ענין ועניין געווען אדיינגעמישט א פרט וואס איז געווען פארבונדן מיט יענע אידן,

ובכללות איז דאך דאס געווען אין די עדסטע שיחות בצאתו משם, וואס ער האט געזאגט אז מען קאן העלפן די אידן וואס געפינען זיך דארטן דורך דעם וואס עס וועט צוקומען אין לימוד התורה און קיום המצות בא א אידן בכל מקום שהוא, ווארום וויבאלד אז כל ישראל זיינען דאך א קומה אחת שלמה, וועט צוקומען בכל חלקי הקומה, אין וועלכע ארט זיי זאלן זיך ניט געפינען,

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק אז וויבאלד אז בכל שנה ושנה דארף ארויסקומען פון דער זריעה אלץ מערער פירות, ובפרט אז דער מרחב היינגט דאך אפ אן דעם מיצר, איז דערפון פארשטאנדיק אז דער למטה עד אין תכלית מאנט ארויס דעם למעלה עד אין קץ.

וואס דאס קאן מען אויך מסביר זיין בדא"פ וואס אין דעם המשך איז ער מבאר פריער דעם למטה עד אין תכלית, ווארום דאס איז דער וועג ווי אזוי א איד וואס לערנט קאן צוקומען צו דעם למעלה עד אין קץ, צו די אוצרות וואס מען איז עם מבזבז, וכידוע אויך וואס מ'האט געפרעגט ביים צ"צ, אז עס איז דאך דא א קץ אויף תר"ח, האט ער אויף דערויף געזאגט אז עס האט זיך דעמולט אפגעדרוקט דער לקו"ת, וואס דאס איז דער גילוי פון פנימיות התורה, האט מען עס אויף דערוף

הנחת הת' בלתי מוגה

געענטפערט – און ווייזט אויס אז דער צ"צ האט דאס מקבל געווען – אז מען דארף האבן ביאת משיח כפשוטו למטה מעשרה טפחים (ראה לקו"ש ח"ו ע' 80 הערה 70),

וואס דאס איז דאך א פס"ד מפורש בתורה אז עס דארף קומען א איש הוגה בתורה ולוחם מלחמת הוי', וואס דאס מיינט מען א נשמה מלובשת בגוף וואס מען וועט איר זעהן מיט די אויגן און מען וועט איר קאנען טאפן מיט די הענט, און וועט דורך פירן דעם יבנה ביהמ"ק ויקבץ נדחי ישראל,

וער"ז אויך בנוגע די גאולה וואס מען דארף דארטן האבן, דארף מען דאס האבן גאר פשוט כפשוטו, אז ניט נאר אז עס זאל צוקומען ברוחניות, מצד דעם עניך וואס כל ישראל ערבים ומעורבים זה בזה, נאר עס זאל צוקומען אין די עניינים כפשוטם, אז יוציאם מן המיצר אל המרחב, טאקע ווי די אלע פירושים וואס זיינען דא בזה אין די דייר פון דעם אלטן רבי'ן (וואס היינטיגן יאהר איז דאך מאה וחמשים שנה לההסתלקות הילולא שלו), אבער סוכ"ס איז דאך עשי' לעילא, און ווי דער אלטער רבי זאגט אין דעם מאמר הנ"ל אז דוקא מעשים טובים זיינען העכער מכל חיי עוה"ב, צוזאמען מיט'ן שורש פון וואנעט זיי נעמען זיך, וואס דאס איז דער יו"ד פון שם הוי' שבו נברא העוה"ב,

איז יה"ר אז כרצון ובקשת והתעוררות ר"ר פון בעל ההילולא זאל זיין דער יוציאם מן המיצר אל המרחב כפשוטו, ביז וואנעט אז מען זאל זעהן בעיני בשר אז מען געפינט זיך אין א מרחב כפשוטו וואס אין עס איז אנגעטאן דער מרחב העצמי, וואס דאס איז מבטל אלע העלמות והסתרים און אלע מדידות והגבלות, ביז וואנעט אז אפילו די חסדים מכוסים קומען ארויס אין א אופן פון חסדים בטוב הנראה והנגלה, ווי דער אלטער רבי שרייבט אין אגה"ק (סי' י"א),

און דאס זאל זיין בעגלא דידן, ניט ווי מדידת הזמן למעלה, נאר ווי מדידת הזמן דא למטה, זאל זיין אין דער רגע קטן דער אסיפת נדחי ישראל ע"י משיח צדקנו, ולכל לראש – די וואס זיינען "זרעו בחיים" במיוחד, וואס זיי האבן עס געמאכט פאר דעם נשיא און צו זיי האט ער זיך אפגעגעבן לכל לראש ועל ידם לכל ישראל, זאלן דאס זעהן בעיני בשר בעגלא דידן, ווי מיר מעסטן אפ וואס הייסט תומ"י, און עס זאל אויך זיין "מיד הם נגאלין" ווי דער רמב"ם פסק'נט אפ און ווי דער אלטער רבי ברייננגט דאס אראפ אין אגה"ת (פי"א), אז תומ"י הן נגאלים בגאולה האמיתית והשלימה.

בינתיים, אזוי ווי תומ"י האט דאך אויך א שיעור (צי דאס איז דער שיעור פון כ"ב אמה וכיו"ב), דארף מען האבן א הכנה אין פרנסה לכל ישראל דארטן ובכל מקום, וביחוד די אידן פון יענע מדינה וואס געפינען זיך בכפר חב"ד, זאל דארט אראפקומען די ברכה עד בלי די ביז אין ענינים גשמיים כפשוטם ביז אין בני חיי ומזוני רויחא,

און עס זאל זיך אויספירן דער רצון אז דער כפר זאל זיין א מקום מרכזי להפצת המעיינות חוצה, ניט קוקנדיק אויף די בלבולים מבחוץ און אויף די העלמות והסתרים מבפנים,

און מתוך אחדות אמיתי זאל מען בקרוב גיין לקבל פני משיח צדקנו, זיי בתוכבי כל ישראל, וואס וועט ארויסנעמען אידן בכל מקום שהם מגלות חיצוני און פון דעם גלות פנימי, בחירות האמיתי והשלימה.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

(צוה לנגן סטאוויא פיטו. שאמיל׳ס ניגון).

יב. מ׳האט פריער גערעדט וואס דער אלטער רבי שרייבט אז "יחוד זה
למעלה הוא נצחי לעולם ועד", אז אלע ענינים פון תומ"צ זיינען נצחיים
לעולם ועד. ועד"ז ענינים וואס האבן געטראפן ביום מיוחד ובזמן מיוחד,
איז בכל שנה ושנה חוזרים הדברים לקדמותן, און עס ווערט נמשך א המשכה
והשפעה ביום זו. ועד"ז בנוגע צו ענינים וואס תלמיד ותיק עתיד לחדש,
און ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין אגה"ק (סי׳ כ"ו) אז דעמולט ווערט
א חידוש אפילו אין עולמות עליונים, ווארום דוקא א נשמה בגוף קאן
מחדש זיין א ענין אין תורה, וואס דערפאר איז דאך "חברים מקשיבים
לקולך", ווי ער איז מבאר אין המשך פון דעם הילולא אז מלאכים דארפן
קומען הערן חד"ת פון דער נשמה.

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז די חד"ת שנתחדשו בעשרה
בשבט איז בכל שנה ושנה ווערט נאך אמאל נתחדש הענין וההמשכה וההשפעה
וואס איז פארבונדן מיט די חד"ת, כאטש ראס איז געווען כמה שנים לפני
זה.

אזוי אין מקובלים איז דאך ידוע אז דער ענין איז געבליבן ווי
קבלת האריז"ל ודלא כהמקובלים שלפני זה, וואס אע"פ וואס "אלו ואלו
דברי אלקים חיים", ועאכו"כ אין חכמת האמת – וואס אזוי ווערט אנגע-
רופן חכמת הקבלה, אבער אין דערוף גופא איז דאך דא דער ענין פון אמת
לאמיתו,

וואס לפני האריז"ל איז דאך געווען קבלת הרמ"ק, וואס דערפאר
איז דאך דא אין מקובלים אחרונים און אין ספרים וואס מאכן פון קבלת
הרמ"ק שלא בערך ווי מען האט געהאלטן בימיו קודם גילוי האריז"ל.
משא"כ דער אלטער רבי ברייננגט אראפ דברי הפרדס – וואס דאס איז קבלת
הרמ"ק – בכמה וכמה מקומות, וכידוע ומבואר במ"א אז קבלת הרמ"ק איז
נכלל אין קבלת האריז"ל, ע"ד יש בכלל מאתים מנה, אבער ניט ח"ו ווי
עס שטייט אין די אנדערע אחרונים בזה, וואס דאס איז דאך אויך מוכרח
ע"פ הידוע דברי האריז"ל אז ער איז געווען בהלנתו של הרמ"ק און ער
האט געזען א ציצוצא דנורא, וואס דאס איז מערניט ווי בא א חד בדרא
אדער תרי בדרא, כמובא בספרים.

וואס פון ספרי הרמ"ק בכלל וואס ווערן געבראכט אין חסידות בכ"מ
איז דאך דער עיקר דער ספר הפרדס, עס איז אבער דא אויך פון ספרי
הרמ"ק וואס ווערן ניט געבראכט – איך ווייס ניט דעם טעם פארוואס,
צי דערפאר וואס עס איז ניט געווען מצוי במרינות ההם, אדער דערפאר
וואס נכללו דבריהם אין די ספרים וואס ווערן יא געבראכט – אבער בכל
אופן, ווייזט אויס בברור אז דאס איז דברי הרמ"ק, אויף וועמען דער
אר"י האט מעיד געווען אז דאס איז חד בדרא אדער תרי בדרא, וואס דאס
איז דאך ווי דער בעל ההילולא זאגט אין דעם מאמר אין סעיף י"ג (וואס
מען האט היינט גע׳חזר׳ט) אז דאס איז א ענין פון נשמה דאצילות.

איז דא א ספר פון רמ"ק וואס רופט זיך אן ספר גירושין. איז
מבאר דער חיד"א [ וואס ער איז דאך אויך געווען א מקובל, און צו
עס איז אויך דערגאנגען דער שם הבעש"ט, אע"פ וואס ער איז געווען אין
א אנדערע מדינה, און ער איז מפליא דעם בעש"ט כאטש אפילו עס ווייזט
אויס אז ער האט עס קיינמאל ניט געטראפן, און אפילו זיינע תלמידים
אויך ניט ] פארוואס ווערט דאס אנגערופן ספר גירושין "לפי שהי׳
מתגרש לכבוד השכינה ע"ד רשב"י וחבריו", און דאס וואס ער האט מחדש

געוועז בדרך בתורה האט ער פארשריבן אין ספר גירושין, אזוי שרייבט דער חיד"א אין שה"ג שלו.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז דאס איז ע"ד רשב"י וחבריו וואס עס ווערט דאך געבראכט אין זהר בכ"מ אז זיי פלעגן אוועקגיין אין מדבריות וכיו"ב לכבוד השם, און דארט האט מען מחדש געווען תורה, כמבואר בזהר, און עד"ז איז אויך דער ספר גירושין.

דער ספר גירושין איז פאנאנדערגעטיילט אויף אותיות און האלט כמה וכמה אותיות, איז דער אות ראשון הייבט זיך אן אז עס איז געווען בשנת ה' אלפים ש"ח, און עס איז געווען ביום השישי, בעשרה בשבט, און דעמולט האט ער געפרעגט, אז תפארת ומלכות זיינען דאך מקבל מחו"ג, איז וואס קומט צו בשעת היחוד שלהם?

און ער פארענטפערט אז דער חילוק איז, אז בשעת עס איז דא דער יחוד ווערט נמשך לשניהם יחד, און עס ווערט נמשך ניט נאר פון חו"ג נאר ווי חו"ב איז ממשיך ע"י חו"ג,

און ער איז ממשיך - ובזה פרשתי "עלי עשור ועלי נבל עלי הגיון בכנור", אז "עלי עשור" גייט אויף ספירת המלכות, וואס זי איז דאך די ספירה העשירית, און "ועלי נבל" איז ספירת הת"ת, וואס דאס איז ווי קודם היחוד, איז יעדערער באזונדער, און דערנאך איז דא ע"י היחוד "עלי הגיון בכנור", וואס "הגיון לבי" גייט אויף תפארת (בניגוד צו "אמרי פי" וואס גייט אויף מלכות), און "בכנור" גייט אויף מלכות, און דא ווערט נמשך "הגיון בכנור", שניהם ביחד.

און דאס קומט בהמשך - אזוי איז ער דארטן ממשיך - להכתוב לפני זה, "להגיד בבקר חסדך", וואס הגדה איז ספירת החכמה, וואס דארט איז מקום ההגדה, און "חסדך" איז חסד דכתר, און דאס איז "בבקר" - בקר דאברהם, וואס דאס איז קו הימין, "ואמונתך בלילות", "אמונתך" וואס דאס איז העכער פון לילות, און לילות טייטשט ער איז גבורה והוד, קו השמאל, איז אמונתך העכער, וואס דאס גייט אויף בינה, און דאס ווערט אלץ נמשך אין תפארת ומלכות כשהם שניהם ביחד.

וואס עד כאן דער תוכן פון דעם אות וואס איז נתחדש געווארן בעשרה בשבט. און דערנאך איז ער ממשיך ומסיים אז מען האט דעמולט מחדש געווען נאך ענינים און מען האט זיי פארשריבן, אבער ער ברייננגט ניט אראפ וואס די אנדערע ענינים זיינען געווען.

וואס בכללות בנוגע אלינו, איז דאך ידוע אז מלכות ווערט אנגערופן כנס"י, און תפארת ווערט אנגערופן קוב"ה, וואס אין דערוף קאן זיין ווי קוב"ה איז בפ"ע און ישראל בפ"ע, ד.ה. ניט ח"ו באזונדער, נאר עס איז ניטא דער יחודא שלים, ניט דער ענין של נישואין נאר ווי ער זאגט אין מדרש פון פרשת בא (פט"ו, לא), אז עד ביאת המשיח איז אירוסין, און ווען וועט זיין דער יחוד, וואס דעמולט ווערט דאס שניהם יחד, וועט דאס זיין בביאת משיח. איז דעמולט איז תפארת ומלכות באזונדער, און דערנאך קומט זייער יחוד (חסר), די צייט וואס בא עס איז חסד איז ער משפיע צו אלעמען חסד, און אז עס קומט די צייט וואס בא עס איז גבורה איז ער משפיע צו אלעמען גבורה, משא"כ אז די השפעה איז מצד שכל און מוחין שבראש, איז ער מבחין צו וועמען מען דארף ממשיך זיין חסד און צו וועמען גבורה.

אזוי איז אויך אז עס קומט אראפ די המשכה - "להגיד בבקר חסדך ואמונתך בלילות", איז סיי די המשכה מצד ימין און סיי די המשכה מצד

שמאל איז מען ממשיך מצד מוחין, וואס דאס איז דער היפך פון "אלקיכם ישן הוא", כמבואר בארוכה אין דרושי פורים, וואס דעמולט קומט ארויס גאולתן של ישראל ביז אין א אופן פון "ונהפוך הוא אשר ישלטו היהודים המה בשונאיהם",

וואס דאס איז אויך כמבואר אז בשעת מען לערנט תורה אין א אופן פון הבנה והשגה, ניט נאר דער לימוד וואס איז פארבונדן מיט ששה סדרי משנה וואס דאס איז כנגד ששה מדות, נאר נאך העכער אויך אין חב"ד, וואס דאס איז דער כללות עניין תושבע"פ ווי דאס איז אין גמרא, און נאך טיפער ווי דאס איז פנימית המוחין (וואס דאס איז חסדן, ווי ער זאגט אין ספר גירושין דער חסד דכתר, וואס דאס איז פנימית המוחין, פנימית התורה), דעמולט ווערט דאס נמשך אין א אופן אז פון יפוצו מעינותיך חוצה - קומט דערנאך אראפ די גאולה האמיתית, דערפאר וואס מען איז מבחין אז ישראל זיינען כלם צדיקים, במילא איז דאך א דור שכולה זכאן (סנהדרין צח, א), דארף זיין דער "זכו אחישנה", בגאולה האמיתית והשלימה בעגלא דידן למטה מעשרה טפחים.

(צוה לנגן הבינוני, ניגון הכנה ואח"כ ניגון אדמוה"ז, ניע זשוריצי).

יג. א כח אויף אלע פארברייינגענס פון כל השנה כולה, וואס זיי זיינען דאך פארבונדן מיט שמחה, נעמט מען פון שמע"צ ושמח"ת, וכידוע דברי בעל ההילולא אין זיינע מאמרים בכ"מ, אז חדש תשרי איז א חדש הכללי, ובפרט די ימים טובים שבו, וואס יעדער יו"ט איז א כלל על כל השנה כולה בענינו, און שמע"צ ושמח"ת איז א כלל אויף די עניני שמחה של מצוה של כל השנה כולה.

וואס בשעת עס ענדיגט זיך שמע"צ ושמח"ת זאגט עד אויף דערוף אין מדרש (במדב"ר ותנחומא סוף פ' פנחס), אז ווי קומט בכלל דער ענין פון שמע"צ ושמח"ת? ברייינגט עד א משל למלך וואס ער זאגט "קשה עלי פרידתכם", און דערפאר איז "נגלגל אני ואתה במה שתמצא, בפר אחד ואיל אחד", וואס דאס איז די שמחה פון שמע"צ ושמח"ת.

פרעגט מען אויף דערוף די קשיא: עס האט געדארפט שטיין "קשה עלי פרידתינו" , ווארום אין משל איז דאך דאס די פרידה פון דעם מלך מיט אוהביו (אדער בנותיו) וואס באו לבקדו, איז וואס איז דער לשון פון "פרידתכם"? שטייט אויף דערוף דער ביאור אין חסידות, אז ווען עס איז ניטא דער "פרידתכם" בא די אוהבי המלך (אדער בא בנות המלך) בינם לבין עצמם, איז דעמולט איז דאס ניט "קשה", ווארום דעמולט האט מען דעם מלך מיט זיך לכל ימות השנה, ווארום בשעת עס איז "כולנו כאחד" איז דא דער "ברכנו אבינו", ווי ער איז מבאר אין תניא אין פרק לב,

וואס בשעת מען געפינט זיך בימים טובים וואס דעמולט איז מען בהתאחדות, [ וואס דערפאר איז דער דין (חגיגה כו, א) אז כל ישראל חברים בימי הרגל, עמי הארץ צוזאמען מיט ת"ח, ביז אין ענינים פון טומאה וטהרה בנגלה בפועל ], ווערט דאס אין א אופן פון חברות ואחדות לכל השנה כולה. בשעת עס ווערט אבער "פרידתכם", מען טיילט זיך פאנאנדער (מאיזה סיבה שתהי'), ווערט דעמולט דער ענין פון "קשה עלי".

ווארום ווי איז שייך למעלה דער ענין פון "קשה" - שטייט דאך אז דאס איז מצד דערוף וואס דער אויבערשטער וויל אז עס זאל זיין

אויסגעהאלטן אויך ע"פ שכל דקדושה, איז בשעת מען דארף טאן היפך שכל דקדושה, דעמולט איז דאס "קשה עלי" כביכול, און דערפאר בשעת עס איז "כולנו כאחד" זאגט שכל דקדושה "ברכנו אבינו", משא"כ ווען עס איז דא "פרידתכם" ווערט דער ענין למעלה פון "קשה עלי".

וואס עד"ז איז אויך מובן בא א שמחה של מצוה במשך כל השנה כולה, ובפרט אז עס קלייבן זיך צוזאמען כמה בי עשרה, וואס אפילו אויף איין מאל איז דאך אויך "שכינתא שריא", ועאכו"כ ווען עס איז כמה פעמים ככה, דעמולט דארף מען באווארענען אז עס זאל ניט זיין דער "פרידתכם" אוועקגייענדיק פון דער התוועדות של שמחה.

און וואס איז דער ענין וואס פארבינדט אלעמען צוזאמען, איז דאס איז דאך דער דין "אל יפטר אדם מחבירו אלא מתוך דבר הלכה שמתוך כך זוכרהו" (ברכות לא, א), בשעת אפילו אז מען דארף זיך פאנאנדערגייען למקומות שונים, עס איז אבער דא דער "דבר הלכה", וואס אלע לערנען תורה, איז דעמולט "מתוך כך זוכרהו", דורך תורה ווערט מען פאראייניקט אלע צוזאמען, ווערט בטל דער "פרידתכם", ובמילא דער "קשה עלי", און דעמולט איז דא דער "ברכנו אבינו", ביז אין א אופן פון שמחה בטוב הנראה והנגלה, ע"ד ווי מועדים לשמחה.

איז יהי רצון אז אוועקגייענדיק פון דעם פארברייינגען זאל דאס אויך זיין אין א אופן פון שמירת התקנות פון דעם בעל ההילולא אין חת"ת - חומש תניא תהלים, צוזאמען מיט א הוספה בלימוד הנגלה ובלימוד החסידות, ביז אין א אופן פון הפצת המעיינות חוצה, אפילו אין דעם אייגענעם חוצה - און אויך אין דעם חוצה שמחוץ לאדם, וואס דעמולט וועט דאס זיין א כלי מחזיק ברכת הקב"ה, אז מען זאל האבן ברכה והצלחה "בכל אשר תעשה", ווי דער רבי מהר"ש זאגט אין דעם מאמר כמבואר לעיל, אז וואס מען זאל ניט טאן און ווי מען זאל ניט טאן אבער דאס איז דאך א ענין פון "תעשה", איז אין דערויף זאל חל זיין ברכתו של הקב"ה, מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה.

פון די התוועדויות וואס גרייטן זיך בקרוב, איז אויך די התוועדות אין ניו אינגלענד (ווי מען רופט דאס דא) אין באסטאן, וואס דאס איז דאך אויך בהמשך (ווי עס שטייט בא זיי אין די הזמנות) צו שנת המאה וחמשים צו די הילולא פון אלטן רבי'ן, ובהמשך צו עשירי בשבט וואס דאס איז די הילולא פון רבי'ן פון נשיא, ולמחרתו פון חמשה עשר בשבט וואס דאס איז דאך דער ר"ה לאילנות, "כי האדם עץ השדה",

זאל דאס אויך זיין בהצלחה, און מען זאל מיטנעמען פון דאנעט די התחלה בזה אויך א ענין גשמי אויף וועלכע עס זאל קאנען חל זיין דער המשך, און זיי זאלן דערנאך קאנען ממשיך זיין אין א אופן ווי מען האט זיי געשריבן אז עס זאל זיין נרות להאיר אויף להדליק נר מנר, ובלשון המדינה א "טשיין רעיעקשען", אז עס זאל דערנאך נמשך ווערן אין א אופן פון מוסיף והולך און מוסיף ואור, סיי בכמות און סיי באיכות.

(צוה לנגן אני מאמין, ואח"כ אמר: די וואס זיינען מחוייב א ברכה אחרונה און האלטן בא פארענדיקן וועלן מסתמא ניט פארגעסן מאכן א ברכה אחרונה.

טרם צאתו התחיל לנגן כי בשמחה).

---

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>